פ. הײלפּערין און מ. װײנרײך

פּראַקטישע גראַמאַטיק
פון דער ײדישער שפּראַך

ערשטער טײל

װילנע — 1928 — װאַרשע

װילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

Barcode/EAN: 9780657146580
Old Call #: 7086 V1

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 14658

PRAKTISHE GRAMATIK FUN DER YIDISHER SHPRAKH V. 1

F. Halperin

*Permanent preservation of this book was made possible by Joan Davis Levin
In memory of my parents,
Abram D. and Esther P. Davis, who loved Yiddish.*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Lief D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

פ. היילפּערין און מ. וויינרייך

פּראַקטישע גראַמאַטיק פון דער יידישער שפּראַך

ערשטער טייל

ווילנע — 1928 — וואַרשע

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

F. Hajlperin i dr. M. Weinreich
Gramatyka praktyczna języka
żydowskiego. Część pierwsza

F. Hajlperin and dr. M. Weinreich
A Practical Grammar
of Yiddish, First Part

Printed in Poland

I. זאַץ

1

גערדאַנק.

די קינדער שלאָפן נאָך
ווינט אַ באַבעצע אין וואַלד
פערד ביכל מאָרגן טינטער
איך בין שוין איצט אַ גוט קינד
רויך פעדער טישל שפּיגל איבער
קליינע פייגל שרעק איך ניט
קליינע קינדער וועק איך ניט
הויז אין נאָך בײַ זעלטן טאַטע
זומער קאַפּעליוש פיש הערינג.

לייען איבער די שורות, וואָס מען פאַרשטייט פון זיי יאָ אַ געדאַנק.

לייען איבער די שורות, וואָס גיבן ניט קיין געדאַנק.

וויפיל שורות זײַנען דאָ פאַראַן מיט אַ געדאַנק?

וויפיל שורות זײַנען דאָ פאַראַן אָן אַ געדאַנק?

> עטלעכע ווערטער, וואָס גיבן צוזאַמען אַ געדאַנק, רופן זיך זאַץ.

אַרבעט. 1. טראַכט צו צוויי שורות ווערטער, וואָס גיבן ניט קיין געדאַנק.

2. טראַכט צו עטלעכע שורות ווערטער, וואָס גיבן צוזאַמען אַ געדאַנק.

2

בערל שרײַבט אַ דערציילונג.

בערלען האָט זיך פֿאַרגלוסט צונויפֿצושטעלן אַ דערציילונג. ער האָט אָנגעהויבן צוטראַכטן אַ נאָמען. בײַ אים איז גאָרנישט אַרויסגעקומען. האָט ער דורכן פֿענצטער אַ קראָ דערזען. בערל האָט באַשלאָסן וועגן דער קראָ טאַקע צו שרײַבן. ער האָט שוין אײַנגעטונקט די פֿעדער. פּלוצלינג איז די קראָ אַוועקגעפֿלויגן. בערל איז ברוגז געוואָרן. ער האָט געזאָגט:

— און איך וועל פֿאָרט אָנשרײַבן!

און ער האָט גענומען שרײַבן אַ דערציילונג אָן אַ נאָמען.

לייען איבער דעם ערשטן זאַץ ביזן פּינטל.

צי קען מען זיך אָפּשטעלן נאָך די ווערטער: בערלען האָט?

און נאָך: בערלען האָט זיך?

און נאָך: בערלען האָט זיך פֿאַרגלוסט?

און נאָך: בערלען האָט זיך פֿאַרגלוסט צונויפֿצושטעלן אַ דערציילונג?

וועלכע פֿון די 4 רייען ווערטער ניט אַ פֿאַרענדיקטן געדאַנק, וואָס מען קען אים פֿאַרשטיין?

לייען איבער אין דער דערציילונג דעם צווייטן זאַץ און שטעל זיך אָפּ ווו מען דאַרף.

הער זיך צו, ווו לאָזט אַראָפּ דעם קול לייענענדיק — אינמיטן צי סוף זאַץ?

קוק זיך צו, וואָס פֿאַר אַ צייכן ס'שטייט דאָרט, ווו דער קול לאָזט זיך אַראָפּ און מען דאַרף זיך אָפּשטעלן.

צום סוף פֿון אַ פֿאַרענדיקטן זאַץ, ווו דער קול לאָזט זיך אַראָפּ און מען דאַרף זיך אָפּשטעלן, שרײַבט מען אַ פּינטל.

3

אַט וואָס בערל האָט אָנגעשריבן:

אונדזער קלאַס איז זייער א קליינער. ער האָט אינגאַנצן צוויי פֿענצטער. אין ווינקל שטייט אן אויוון. ניט ווייט פֿון אויוון שטייט דער טאָוול. אויף די ווענט הענגען בילדער. אַלע קינדער זיצן און לערנען. אָפּטמאָל ווילט זיך מיר ניט לערנען. איך וויל בעסער מאָלן מענטשעלעך. ניט אַ-לעמאָל קומען ביי מיר די מענטשעלעך גוט ארויס. איך וועל אַמאָל אויסוואַקסן א גרויסער. דעמאָלט וועל איך זיין א סטאָליער.

צייל איבער, וויפיל מאָל מען דאַרף זיך אָפּשטעלן לייענענדיק בערלס דערציילונג.

קוק דורך, צי האָט בערל גוט אויסגעשטעלט די פינטלעך.

3. שרייב איבער בערלס דערציילונג אין דיין העפט. ארבעט.

4. שרייב אַליין אַן אַ דערציילונג און שטעל אויס די פינטלעך ווו מען דאַרף.

4

דאָס מײַזן=מיידעלע .

א ראָב איז געפֿלויגן איבערן טײַך
ער האָט געטראָגן א מײַזעלע אין מויל
א מענטש איז געגאנגען פֿארבײַ דער
מענטש האָט א וואָרף געטאָן א שטיין
אויפֿן ראָב דער ראָב האָט דאָס מײַ=
זעלע אָפּגעלאָזן דאָס מײַזעלע איז אַרײַנ=
געפֿאלן אין טײַך דער מענטש האָט עס
ארויסגענומען און געבראכט אהיים דער
מענטש האָט ניט געהאט קיין קינדער
איז בײַ אים פֿון דעם מײַזעלע געוואָרן
אַ מיידעלע

לייען איבער די דערציילונג אָפּשטעלנדיק זיך און אַראָפּלאָזנ=
דיק דעם קול צום סוף פֿון יעדן זאַץ.

וואָס האָט דיר נעשטערט גלײַך צו לייענען ווי ס׳באַדאַרף צו זײַן?

ארבעט. 5. שרײַב איבער און שטעל אוים פּינטלעך בײַ די אָפּשטעלן.

5

בײַ דער וויג.

דאָס וויגעלע וויגט זיך דאָס לעמפּעלע ברענט
די באָבעניו זיצט איבער מיר אָנגעבויגן
איך זע אירע קלײנינקע דאַרינקע הענט
איך קוק אין די אַלטינקע אויגן
דאָס וויגעלע וויגט זיך אַהין און אַהער
אַ זאָק שטריקט די באָבע זי לאָזט שטיל אַ טרער

צי איז דיר נעווען גרינג איבערצולייענען דאָס ליד?
פאַרוואָס איז עס נעווען שווער?
שטעל אוים די פּינטלעך ווו מען שטעלט זיך אָפּ און מען לאָזט אַראָפּ דעם קול, דאָס הייסט צום סוף פון יעדן זאַץ.

ארבעט. 6. שרײַב איבער דאָס ליד אַזוי, אַז יעדער נײַער זאַץ זאָל זיך אָנהייבן פון אַ נײַער שורה.

6

פֿרי=יאָר.

ס'איז אָנגעקומען דער פֿרי=יאָר די זון האָט גענומען וואַרעמען דער שניי איז צעגאַנגען צווישן די פֿאַראיאָריקע גרעזער האָבן זיך באַוויזן פֿרישע גרעזעלעך די קנאָספּן אויף די ביימער האָבן זיך געעפֿנט עס זיינען פֿון זיי אַרויסגעקראָכן יונגינקע בלעטעלעך די בין האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון איר ווינטערדיקן שלאָף די בושלען זיינען גע=קומען צו פֿליען קינדער ווילן שוין מער אין שטוב ניט זיצן און דרויסן איז פֿריילע=כער

ארבעט. 7. שרײַב איבער די דערציילונג און באַצייכן ריכטיק די ערטער, ווו דער קול לאָזט זיך אַראָפּ און מען שטעלט אַ פּינטל.

8. באַשרײַב, ווי אַזוי דו ביסט געגאַנגען אויף אַ שפּאַ-ציר אין פעלד, צי אין וואַלד, צי אין שטאָטגאָרטן.

7

אַ שפּאַציר אין וואַלד.

הײַנט זײַנען מיר געגאַנגען שפּאַצירן אין וואַלד דער וואַלד איז געווען אַן אומעטיקער פון די ביימער פאַלן אַראָפּ די בלעטער די געבליבענע בלעטער אויף די ביי-מער זײַנען געלע די פייגעלעך זײַנען אַוועקגעפלויגן מיר האָבן אָנגעקליבן געלע בלעטער מיר האָבן פון זיי גע-פלאָכטן קרענץ מיט די קרענץ וועלן מיר אויספּוצן אונ-דזער קלאַס די שענערע בלעטער האָבן מיר געבראַכט אין שול מיר וועלן זיי פאַרטריקענען

שטעל אויס די פּינטלעך ווו מען דאַרף.

לייען איבער די ערשטע צוויי זאַצן און הער זיך צו, ווי אַזוי רעדט זיך אַרויס דאָס וואָרט וואַלד אין ערשטן זאַץ און ווי אַזוי אין צווייטן. צי רעדט זיך דאָס וואָרט אַרויס אין בײַ-דע זאַצן מיט דעם זעלבן קול (מיט דעם זעלבן טאָן)? אין וועלכן זאַץ רעדט זיך אַרויס דאָס וואָרט וואַלד שטאַרקער?

לייען איבער דעם דריטן און דעם פערטן זאַץ. אין וועלכן פון זיי רעדט מען אַרויס שטאַרקער דאָס וואָרט ב י י מ ע ר?

אַרבעט. 9. שטרייַך אונטער אין יעדן זאַץ דאָס שטאַרקסטע וואָרט.

8

פ ר אַ ג ע ס און ע נ ט פ ע ר ס.

הייַנט האָבן מיר שפּאַצירט אין וואַלד.

1) ו ו ע ן האָבן מיר שפּאַצירט אין וואַלד? ה ײַ נ ט האָבן מיר שפּאַצירט אין וואַלד.

2) ו ו ע ר האָט הייַנט שפּאַצירט אין וואַלד? הייַנט האָבן מ י ר שפּאַצירט אין וואַלד.

3) ו ו אָ ס ה אָ ב ן מ י ר הייַנט ג ע ט אָ ן אין וואַלד? הייַנט ה אָ ב ן מ י ר ש פּ אַ צ י ר ט אין וואַלד.

4) ו ו וּ האָבן מיר הייַנט שפּאַצירט? הייַנט האָבן מיר שפּאַצירט א י ן ו ו אַ ל ד.

לייען איבער די פיר ענטפערס און ווייז אָן אין יעדן פאַל דאָס שטאַרקסטע וואָרט.

ווי אַזוי האָסטו נעקענט אויף פאַרשיידענע פראַגעס ענטפערן מיט די זעלביקע ווערטער?

פון דעם, צי מיר ריידן אַרויס איינס פון די ווערטער פון זאַץ שטאַרקער, הענגט אָפּ דער באַטייַט פון דעם זאַץ. אַרויסריידן שטאַרקער איינס פון די ווערטער הייסט שטעלן דעם ט ר אָ פּ (ט אָ ן) אויף דעם וואָרט. ווען מיר שטעלן דעם טראָפּ ניט אויף דעם געהעריקן וואָרט, איז דער געדאַנק פון דעם זאַץ ניט גוט פאַרשטענדלעך.

יודל דאָס לערנייִנגל.

בײַ בערל=לייב דעם שמיד איז גע=
ווען א לערנייִנגל. דאָס לערנייִנגל האָט
מען גערופֿן יודל. יודל איז פֿון באַגינען
ביז זונאונטערגאַנג געשטאַנען מיטן
באַלעבאָס בײַ דער ארבעט. יודל האָט
געצויגן דאָס הענטל פֿון בלאָזזאַק.
דער בלאָזזאַק האָט געבלאָזן אויף די
קוילן. דאָס פֿײַער איז געוואָרן גרויס.
דערפֿון האָט דאָס אײַזן זיך אָנגע=
גליט. דעמאָלט האָט בערל=לייב גענו=
מען דאָס אײַזן אויף דער קאָוואַדלע.
ער האָט דאָס אײַזן געקערט מיט דער
צוואַנג. יודל האָט אויף דעם געשלאָגן
מיטן גרויסן האַמער.

לייען איבער די דערציילונג און שטעל אין יעדן זאַץ דעם נעהעריקן טראָפּ.

ניב אַכטונג וויפיל ווערטער מיט אַ טראָפּ (באַטאָנטע ווערטער) זיינען פאַראַן אין יעדן זאַץ.

געוויינלעך האָט אַ זאַץ נאָר איין באַטאָנט וואָרט.

ארבעט. 10. שרייב איבער די דערציילונג אין העפט און שטרייך אונטער די באַטאָנטע ווערטער.

10

פראַגעס און ענטפערס.

ביי בערל־לייבן איז געווען אַ לערניינגל.

1) ביי וועמען איז געווען אַ לערניינגל? ביי בערל־לייבן איז געווען אַ לערניינגל.

2) ווער איז געווען ביי בערל־לייבן? אַ לערניינגל איז געווען ביי בערל־לייבן.

דאָס לערניינגל האָט מען גערופן יודל.

1) וועמען האָט מען גערופן יודל? דאָס לערניינגל האָט מען גערופן יודל.

2) ווי אַזוי האָט מען גערופן דאָס לערניינגל? יודל האָט מען גערופן דאָס לערניינגל.

באַמערק אין דעם ערשטן ביישפּיל דעם סדר פון די ווערטער אין ביידע ענטפערס. באַטראַכט דאָס זעלביקע אין די ענטפערס פון דעם צווייטן ביישפּיל.

צוזאַמען מיט דעם טראָפּ בייט זיך אָפטמאָל אויך דער סדר פון די ווערטער אין זאַץ.

11

די מאַמע.

אין פענצטער איז נאָך פינצטער
עס שלאָפן נאָך די קינדער
און זי — זי גייט שוין שטילערהייט
זי ברענגט שוין פרישע מילך און ברויט
פאַר די קליינע קינדער

אינאָוונט היט דער זייגער
עס שלאָפן שוין די קינדער
און זי — זי זיצט זיך שטילערהייט
זי זיצט און העמדלעך וויַיסע נייט
פאַר די קליינע קינדער

ארבעט. 11. שטעל אוים פינטלעך ווו מען דאַרף.
12. שטריַיך אונטער די באַטאָנטע ווערטער אין די זאַצן.

12

פ ר אַ ג ע ס.

זי ברענגט שוין מילך און ברויט פאַר די קליינע קינדער.

1) ווער ברענגט שוין מילך און ברויט פאַר די קליינע קינדער?
2) וואָס טוט זי שוין?
3) וואָס ברענגט זי שוין?
4) פאַר וועמען ברענגט זי שוין מילך און ברויט?

אַרבעט. 13. ענטפער אין דײַן העפט אויף אַלע פראַגעס. דאָס באַטאָנטע וואָרט פון ענטפער דאַרף מען אונטערשטרײַכן. אויף די פראַגעס 3 און 4 ענטפער אויך אַזוי, אַז עס זאָל זיך צוזאַמען מיטן טאָן בײַטן דער סדר פון די ווערטער אין זאַץ.

13

פרעגזאַץ און אויסרופזאַץ.

I	II	III
ער שטייט אויף.	שטיי שוין אויף!	פאַרוואָס שטייסטו ניט אויף?
איך האָב דיר געבראַכט דאָס בוך.	ברענג מיר שוין אָפּ דאָס בוך!	צי וועסטו מיר שוין הײַנט ברענגען דאָס בוך?
עס איז דרײַ דער זייגער.	אַך, ס'איז שוין דרײַ דער זייגער!	וויפֿיל איז איצט דער זייגער?
געווען הײַנט אַ שלעכטער טאָג.	נו־נו, איז דאָס געווען אַ טאָג!	וועלכער טאָג איז געווען אַ שלעכטער?
איך קום שוין.	קום אַהער!	אפֿשר זאָל איך קומען אַהער?
זיי זײַנען אַוועקגעפאָרן.	אַ שאָד, זיי זײַנען שוין אַוועקגעפאָרן!	צוליב וואָס זײַנען זיי אַוועקגעפאָרן?

הער זיך גוט צו, ווי אַזוי מען שטעלט דעם קול (די אינטאָנאַציע) בײַ די זאַצן פון דעם I, דעם II און דעם III סלופּיק.

מיט וואָס פאַר אַ קול רעדסטו אַרויס די זאַצן פון דעם II סלופּיק?

וואָס פאַר אַ צייכנס שטייען נאָך די זאַצן פון דעם II סלופּיק?

מיט וואָס פּאַר אַ קול רעדסטו אַרויס די וואַצן פון דעם III סלופּיק?

וואָס פאַר אַ צייכנס שטייען נאָך די וואַצן פון דעם III סלופּיק?

דער זאַץ, וואָס דריקט אויס אַ פראַגע, רופט זיך פּרעגזאַץ. ער שרײַבט זיך מיט אַ פּרעגצייכן. דער זאַץ, וואָס דריקט אויס אַן אויסגעשריי אָדער אַ רוף, הייסט אויסרופזאַץ. ער שרײַבט זיך מיט אַן אויסרופצייכן.

14

אַ פאָלקסלידעלע.

פייגעלע, פייגעלע!

פּי פּי פּי.

וווּ איז דײַן טאַטע?

ניטאָ הי.

ווען וועט ער קומען?

מאָרגן פרי.

וואָס וועט ער דיר ברענגען?

אַ גלעזעלע ביר.

וווּ וועט ער עס שטעלן?

הינטער דער טיר.

ווער וועט טרינקען?

איך מיט דיר.

אַרבעט. 14. שרײַב איבער דאָס גאַנצע און שטרײַך אונטער די פּרעגזאַצן.

15

רעטעניש ן.

1) וואָס איז העכער פאַר אַ הויז
וואָס איז פלינקער פאַר אַ מויז

2) וואָסער וואַסער איז אָן אַ זאַמד
וואָסער מֶלך איז אָן אַ לאַנד

3) ווער גייט און שטייט הענגענדיק

4) ווער גייט זומער אײַנגעדעקט און ווינטער נאַקעט

לייען איבער די זאַצן מיט דעם געהעריקן קול און שטעל ווו מען דאַרף די פ־ענצייכנס.

ארבעט. 15. שרײַב אַרײַן די רעטענישן מיט די פרעגצייכנס אין העפט. באַשייד די רעטענישן און פאַרשרײַב זייער באַשייד.

16

אויפן פראָסט.

די יִנגלעך האָבן זיך אַרויסגעשאָטן פון שול.
כּאַראַ פראָסט! סאַראַ זון! סאַראַ מחיה!
און מען האָט זיך גענומען יאָגן נאָך אַ שליטן. דער־יאָגט אגן אויסגעזועצט זיך איינער לעבן אַנדערן ווי פייגע־לעך אויפן דאַך. גלאַנצן מיט די אייגעלעך אַרום זיך.
פלוצלינג האָט זיך דער באַלעבאָס פונעם שליטן איפגעכאַפּט. ער איז געווען אַנטדרעמלט געוואָרן.

— אָ, איר אַווינע און אַווינע! — האָט ער געני-
מען שרײַען. — אָט וועל איך אײַך! אַוועק, קונדייסים!
די חברה פון שליטן — האָפּ! און געמאַכט פיס!
— היי, קינדער! מיט שניי פאַרוואַרפט אים!
אין איין רגע האָבן זיי פאַרשאָטן אי דעם שליטן,
אי דעם שמײַסער, אי דאָס פערד.

לייען איבער די דערציילונג מיטן נעהעריקן קול און דער-
קלער, פאַרוואָס עס שטייען דאָ אויסרופצייכנס.

ארבעט. 16. שרײַב אויס די אויסרופזאַצן אין העפט.

17. לייען איבער מיטן נעהעריקן קול דאָס ליד:

פ אָ ל י ד ע ר פּ אָ פּ ו ג ײַ.

היי, דו גרינער פּאָפּוגײַ
מיטן שנאָבל ווי אַ שופר!
זאָג! וואָס שרײַסטו אײַ און אײַ
גאַנצע טעג אָן אויפהער?
פינטלט פאָלי מיטן אייגל,
שרײַט און פינטלט מיטן אייגל:
פאָלי וויל אַ בייגל!

18. שרײַב איבער דאָס ליד צו זיך אין העפט.

17

פֿייגל פֿליען.

נעכטן האָבן מיר געשפּילט אין הויף.
האָט עמעצער אויסגעשריען:
- פֿייגל פֿליען
- טאקע, טאקע. פֿייגל פֿליען
- !!! !!!

- אָן, דאָרטן אינדערהייך
מיר אַלע האָבן טאקע דערזען א
סך, א סך פֿייגל אינדערהייך: פֿריער
איז געפֿלויגן איינער, הינטער אים -
צוויי, דערנאָך דרײַ און דערנאָך
בסדר אַלץ מער.

-דער ערשטער פֿויגל איז עס ניי=
ער לערער - האָט חנה געפֿרעגט.

די קינדער האָבן גענומען לאַכן און
שרײַען:
- די פֿייגל לערנען זיך ניט
- די פֿייגל האָבן קיין לערער ניט
דערווײַל איז אַרויס דער לערער.
- פֿונוואַנען קומען די פֿייגל -
האָבן מיר אים געפֿרעגט - און וואָס
פֿאַר פֿייגל זײַנען עס
דער לערער האָט אונדז געזאָגט:
- קומט אין קלאַס אַרײַן, וועל איך
אײַך דערציילן.

רבעט. 19. שרײַב איבער דאָס גאַנצע.
20. שטעל אוים די פרעגצייכנס און די אויסרופצייכנס
ווו עס פאָדערט זיך.
21. שטרײַך אינטער די פרעגזאַצן און די אויסרופזאַצן.

II. וואָרט

18

אַ שמועס פונדערווייטנס.

איטעלע!

וואָס?

ווו ביסטו?

דאָ!

וואָס טוסטו?

איך לייען אַ בוך.

קום אַהער!

איך לייג נאָר אַוועק דאָס בוך און לויף שוין צו דיר.

צייל אוים, וויפיל ווערטער זיינען פאַראַן אין יערן זאַץ.

די צאָל ווערטער אין זאַץ איז ניט באַגרענעצט.

ארבעט. 22. שרייב אָן צוויי זאַצן צו 1 וואָרט און דריי זאַצן צו 2 ווערטער אין יעדערן.

23. שרייב אָן צוויי זאַצן צו 3 ווערטער, צוויי זאַצן צו 4 ווערטער, איין זאַץ פון 5 ווערטער.

19

אין מײַן פעטערס גאָרטן.

בײַ מײַן פעטער אין פרוכטגאָרטן וואַקסן עפּל־ביימער, באַרנביימער, קאַרשנביימער, פלוימענביימער און אַנדערע פרוכטביימער. פרילינגצײַט איז דער גאַנצער גאָרטן באַשאָטן מיט ראָזלעך בליעכץ, און האַרבסטצײַט שמעקט ער מיט דעם ריח פון פּאַרטיקע עפּל און באַרן. אין די זומערטעג פילט מען ניט אין דעם בלעטערשאָטן די היץ פון דער זון. ס'איז דעמאָלט גוט דאָרט צו ליגן, הערן ווי די פייגל פּיפּטשען און זען, ווי די זומער־פייגעלעך פלאַטערן איבערלופטן.

ארבעט. 24. שרײַב אויס און שטרײַך אונטער די ווערטער, וואָס באַשטייען פון צוויי, למשל: פרוכטגאָרטן, עפּלביימער

25. שרײַב אָן דערקלערונגען צו די אונטערגעשטראָכענע ווערטער לויט דעם בײַשפּיל:

פרוכטגאָרטן — אַ גאָרטן, וואָס אין אים וואַקסן פרוכט.

26. שטעל צוזאַמען איין וואָרט פון די געגעבענע עטלעכע לויט דעם בײַשפּיל:

צימער פאַר קינדער = קינדער־צימער.

ברויט פון קאָרן =

עסענץ פון עסיק =

קאָרב פאַר פּאַפּיר =

אַ שטיין פון אַ מיל =

צײַט פון ווינטער = ווינטערצײַט.

אַ צימער פאַר די לערער =

אַ נעסט פון פויגל =

אַ טיש, וואָס מען שרײַבט אויף אים =

אַ מעסער, וואָס מען האַקט מיט אים =

ווערטער, וואָס באַשטייען פון עטלעכע, רופן זיך צו-
נויפגעשטעלטע.

אַ צונויפגעשטעלט וואָרט רעכנט זיך ניט פאַר צוויי,
נאָר פאַר איין וואָרט. די טיילן פון צונויפגעשטעלטן וואָרט
טיילן זיך ניט אָפּ מיט קיין בלייז.

20

1) ס׳איז דער האַרבסט געקומען.

2) ס׳קינד איז נעבעך קראַנק.

3) כ׳האָב מענטשעלעך, פּאַיאַצעלעך, וואָס ברעכן זיך און שפּרינגען.

4) מ׳האָט מיטאַמאָל פאַרגעסן די נויט.

צייל איבער, וויפיל ווערטער זיינען אין דעם זאַץ נומער 1: ס׳איז, דער, האַרבסט, געקומען. ווי אַזוי קען מען זאָגן אַנדערש אָנשטאָט ס׳איז? טאָ פון וויפיל ווערטער איז צונויפגעשטעלט ס׳איז? פון וועלכע צוויי? צי רעדט זיך אַרום דאָס ערשטע וואָרט איינגאַנצן?

וויפיל ווערטער זיינען אין דעם זאַץ נומער 2? פון וועלכע ווערטער איז צונויפגעשטעלט ס׳קינד? וויפיל ווערטער זיינען אין דעם זאַץ נומער 3? און וויפיל אין דעם זאַץ נומער 4?

וואָסער וואָרט איז צונויפגעשטעלט פון צוויי אין דעם זאַץ נומער 3? אין דעם זאַץ נומער 4?

וואָסער וואָרט איז געקירצט אין דעם זאַץ נומער 3? וואָסער וואָרט איז געקירצט אין דעם זאַץ נומער 4? וועלכע געקירצטע ווערטער האָבן מיר אין די 4 ביישפּילן?

די ווערטער דאָס, עס, איך, מען ווערן אָפּטמאָל געקירצט און צוגעשטעלט צום אָנהייב פון דעם צווייטן וואָרט. דעמאָלט קומט נאָך זיי אַ שטריכעלע פון אויבן. דאָס שטריכעלע רופט מען אַפּאָסטראָף.

דאָס געקירצטע וואָרט רעכנט זיך פאַר אַ טייל פון דעם צווייטן וואָרט, צו וועלכן ס'איז צוגעשטעלט; דאָס געקירצטע צוזאַמען מיטן צווייטן רעכענען זיך פאַר איין וואָרט.

21

געקירצטע ווערטער.

אַרבעט. 27. קירץ די געגעבענע ווערטער לויט דעם אָנגעוויזענעם בײַשפּיל:

איך וויל = כ'וויל·	עס רעגנט = ס'רעגנט
איך גיי =	עס בליצט =
איך נעם =	עס איז =
איך טו =	עס שמעקט =
איך שרײַב =	עס רוישט =
איך עס =	עס נעמט =

28.

דאָס קינד = ס'קינד	מען גייט = מ'גייט
דאָס טישעלע =	מען וועט =
דאָס מעסערל =	מען הערט =
דאָס לעפעלע =	מען כאַפּט =
דאָס בעטעלע =	מען שטעלט =
דאָס ייִנגעלע =	מען נעמט =

29. פֿאַרקירץ אין די געגעבענע זאַצן די אונטערגנעשטראָכענע ווערטער.

איך בין גאָרניט אַזאַ צדיק, איך זאָל ניט עסן קיין פֿלייש. איך בראַקיר ניט מיט אַ פֿישעלע אויך. עס ריפּעט דער ווינט מיטן טויער. עס שלאָגט אין דער נאַכט פֿון אַ פֿענצטער אַ פֿרייליכע שײַן. מען האָט אים גערופֿן ציגגל. איך בין שוין גראָ און אַלט געוואָרן. ליוסי! עס וויינט דײַן שיינע ליאַלקע! מען איז געפֿאַלן אויף אַ שׂכל! עס וועלקן בוים און בלום. עס האָט דער פֿעטער איצי אויסגעלערנט שנײַדערײַ. דאָס לאָשיקל איז אויסגעוואַקסן און געוואָרן אַ פֿערדל.

22

ווינטעראָוונט.

ווינטער. אָוונט. שטיל און רויִק
איז אין אונדזער הויז.
בײַ דעם אויוון זיצט די באָבע,
האַלט מיך אויף איר שויס.

מיט אַן אומעטיקן שמייכל
קוקט זי אויף דער פֿלאַם
און דערציילט מיר, ווי אַ פֿויגל
האָט געלעבט בײַם ים.

ווינטער. ווינ — טער.

גיב אַ קוק, ווי אַזוי דאָס וואָרט ווינטער איז אָנגעשריבן דאָס ערשטע און דאָס צווייטע מאָל. באַמערק, וויפֿיל מאָל דו אָטעמסט אויס די לופֿט בײַם וואָרט ווינטער. דאָס וואָרט ווינטער טיילט זיך אין צוויי טיילן.

לייען איבער אויפן זעלביקן שטיינער, טיילנוויַיז, דאָס וואָרט אומעטיק: או — מע — טיק. דאָ האָסטו דריַי טיילן.

לייען איבער דאָס גאַנצע ליד, און יעדער מאָל, ווען עס הייבט זיך אָן אַ נײַער טייל, גיב אַ קלאַפּ מיטן פינגער אויפן טיש.

אַרבעט. 30. שריַיב איבער דאָס ליד צו זיך אין העפט, און דאָרט, ווו דו האָסט בײַם לייענען אַ קלאַפּ געטאָן מיטן פינגער, שטעל אַרײַן אַ פּאַסיקל. בײַשפּיל:

ווינ - טער. אָ - ווּנט. שטיל און רו - יִק
איז אין אונ - דזער הויז.

באַמערק, אַז די ווערטער ווינטער, אָוונט לאָזן זיך פריַי אַרויסריידן טיילנוויַיז: ווינ - טער. אָ - ווּנט. די ווערטער שטיל, און, אין לאָזן זיך ניט פריַי אַרויסריידן טיילנוויַיז.

> דער טייל פון וואָרט, וואָס לאָזט זיך פריַי אַרויס-ריידן באַזונדער, רופט זיך טראַף

23

טראַף.

אַרבעט. 31. צעטייל די ווערטער אויף טראַפן:

טאַ — טע	שריַי—ען	חֶ — דר	גע — בן	לע — פל
מאַ — מע	ליַי — ען	תַּל — מיד	זו — כן	בי — כל
לערער	מאַנט—לען	פָּנים	לויפן	טישל
פעדער	געהאַט	מֶלך	צאַפּן	בענקל
אַרבעט	נאַטור	שִׂמחה	שריַיבן	הענטל
טינטער	קומען	פֶּסח	ריַיסן	פיסל
מעקער	האַנדלען	סוכות	כאַפּן	הינטל

צו וויפיל טראַפן האָבן די געגעבענע ווערטער?

דערמאָן זיך פינף ווערטער, וואָס לאָזן זיך נ י ט טיילן אויף קיין טראַפן. צו וויפיל טראַפן האָבן אַזעלכע ווערטער?

דאָס וואָרט, וואָס באַשטייט פון איין טראַף, רופט זיך איינטראַפיק וואָרט.
דאָס וואָרט, וואָס באַשטייט פון צוויי טראַפן, רופט זיך צווייטראַפיק וואָרט.

24

ט ר אַ ף.

גענוג שוין געהוליעט, גענוג שוין געשטיפט!
זעט, ווי דער שוויס פון די פּנימער טריפט,
זעט, ווי צעפּאַליעט איר זײַט און צעפלאַמט,
הענט ניט געוואַשן און האָר ניט געקאַמט.

אַרבעט: 32. שרײַב איבער די פיר שורות און שטרײַך אונטער מיט א י י ן פּאַסיקל די איינטראַפיקע ווערטער, מיט צ ו ו י י פּאַסיקלעך די צווייטראַפיקע ווערטער.

33. צייל איבער, וויפיל טראַפן האָבן די ווערטער: געהוליעט, פּנימער, צעפּאַליעט, געוואַשן?

דאָס וואָרט, וואָס באַשטייט פון דרײַ טראַפן, רופט זיך דרײַטראַפיק וואָרט.

באַטראַכט זיך, צי זײַנען פאַראַן אויך פ י ר ט ר אַ פ י ק ע ווערטער? פ י נ פ ט ר אַ פ י ק ע ווערטער?

זוכצעטל פאַר די וואָס קענען זיך ניט דערמאָנען:
אומעטיקער. איבערגעפירטער. אויסגעשטערנטער. קאַפּאָטקעלע. קאַמיזעלקע.
אונטערגעשפּאַרטער. איבערגעשריבענער. אויסגעוואַשענער.

25

אַ ק צ ע נ ט.

נעם דאָס וואָרט שוועסטער. צעטייל עס אויף טראָפּן. וואָס פֿאַר אַ טראַף ווערט אַרויסגערעדט שטאַרקער? צי מעג מען אויך אַרויסריידן שוועסטער אַזוי, אַז דער צווייטער טראַף זאָל זײַן שטאַרקער?

אין יעדן וואָרט, וואָס באַשטייט פֿון עטלעכע טראָפּן, ווערט איין טראַף אַרויסגערעדט שטאַרקער. אַנדערש זאָגט מען: אויף דעם טראַף שטייט דער אַקצענט.

דעם אַקצענט באַצייכנט מען מיט אַ שטריכעלע איבער דעם טראַף.

לייען איבער די ווײַטערדיקע זאַצן. בײַ יערן טראַף גיב אַ קלאַפּ מיטן פֿינגער אין טיש; בײַ דעם טראַף, ווו עס שטייט דער אַקצענט, גיב אַ שטאַרקערן קלאַפּ, בײַ די אַנדערע שוואַכער:

פֿאַרגאַ́נגענע וואָ́ך זײַ́נען מײַ́נע ברי́דער געװע́ן אין טעאַ́טער. שיי́נדעלע איז אַראָ́פּ אין גאָ́רטן געזע́גענען זיך מיט אי́רע בלו́מען.

ארבעט. 34. שרײַב איבער צו זיך אין העפֿט די ווײַטערדיקע זאַצן און שטעל אַוועק די אַקצענטן בײַ די ווערטער, וואָס האָבן מער ווי איין טראַף:

חנהלע האָט פֿאַרגעסן צו ברענגען איר לייענבוך. די פֿאָרשטעלונג איז אַלעמען זייער געפֿעלן. דער ערשטער קלאַס איז אַוועק מיטן לערער אויף אַן עקסקורסיע.

35. שרײַב איבער פֿון דײַן לייענבוך פֿינף שורות און צעשטעל די אַקצענטן ווו מען דאַרף.

26

ווי אַזוי מען האָט מײַן ברודערל צוגעגנבעט.

הײַנט האָט מען מײַן ברודערל יאַנקעלען צוגעגנבעט. אין שטוב איז געווען זייער דושנע. פליגן האָבן אים געביסן. האָט די מאַמע אים אַוועקגעלייגט שלאָפן אין וועגעלע אין פאָדערהויז. דאָרט איז לופטיקער איידער אין די צימערן. אַליין איז זי אַוועקגעגאַנגען קאָכן דעם מיטאָג. פּלוצלינג כאַפּט זי זיך: דאָס וועגעלע איז פּוסט, און יאַנקעלע איז ניטאָ. אַליין איז ער דאָך אַוודאי ניט אַוועק, אַז ער איז גאָר אַלט מער ניט ווי פיר חדשים.

אָבער די שרעק איז געווען אַן אומזיסטע. מען האָט יאַנקעלען אינגיכן געפונען. דאָס האָט אים פּעסיעלע, אונדזער שכנהס מיידעלע, צוגעגנבעט און באַהאַלטן אין דעם האָלצשפּײַכלער. זי האָט קיין ברודערל ניט, האָט זיך איר זייער געוואָלט האָבן אַן אייגן ברודערל; האָט זי צוגענומען אונדזער יאַנקעלען.

קוק זיך צו, ווי אַזוי זײַנען נעטיילט די ווערטער, וואָס מען האָט אַריבערגעטראָגן פון איין שורה אין דער צווייטער? צי זײַנען איינטראַפּיקע ווערטער אויך אַריבערגעטראָגן?

> אויב אַ וואָרט שטעלט זיך ניט אויס אינגאַנצן צום סוף פון דער שורה, טראָגט מען אַ טייל אַריבער אין דער צווייטער שורה. אַריבערטראָגן קען מען נאָר גאַנצע טראַפן. קיין איינטראַפּיקע ווערטער טיילט מען ניט צום אַריבערטראָגן.

אַרבעט. 36. שרײַב אויס פון דער דערציילונג די דרײַ-, פיר- און פינפטראַפּיקע ווערטער און טייל זיי צום אַריבערטראָגן.

37. שרייב אויס צען שורות פון דער דערציילונג, וואָס מען האָט צולעצט געלייענט פון לייענבוך אין קלאַס, און טייל ריכטיק צום איבערטראָגן אַלע ווערטער, וואָס האָבן מער ווי איין טראַף.

27

1) היינט האָט מען מײַן ברודערל יאַנקעלען צוגעגנבעט.

דאָס וואָרט היינט קען מען טיילן צום איבערטראָגן אין אַ צווייטער שורה? פאַרוואָס ניט?

דאָס וואָרט האָט לאָזט זיך טיילן צום איבערטראָגן? פאַרוואָס ניט?

מען —?

מײַן —?

ברודערל קען מען טיילן צום איבערטראָגן? אויף וואָסערע אופנים:

ברו — דערל. ברודע — רל.

יאַנקעלען — אויף וואָסערע אופנים קען מען טיילן צום איבערטראָגן?

יאַנ — קעלען. יאַנקע — לען.

צוגעגנבעט — אויף וואָסערע אופנים קען מען טיילן?

2) דאָס האָט אים פעסיעלע, אונדזער שכנהס מיידעלע, צוגעגנבעט און באַהאַלטן אין דעם האַלצשפּײַכלער.

38. שרייב אויס די ווערטער אויף אַלע אופנים, לויט וועלכע מען קען זיי איבערטראָגן פון איין שורה אין דער צווייטער.

39. צעטייל די ווערטער אויף אַלע אופנים צום איבערטראָגן:

שוועסטערלעך	צעטראָגענער	אַעראָפּלאַן	אָפּטראָגן
באַקאַנטשאַפט	פאַרשריבענער	אָטעמען	נעבעפּלט
אָפּנעמוויסט	צוגעזאָגטער	קינדערשפּילכעלע	איבערגעחזרט
גראַמאַטיק	קאָאָפּעראַטיוו	פּנימלעך	מתנה.

III. קלאַנג און אות

28

ווייע ניט, דו ווינטעלע!
שטילער שטילער, הינטעלע!
אין מויל פאַרבײַס דאָס צינגעלע!
שלאָפן וויל מײַן יינגעלע.

וויפיל ווערטער זײַנען פאַראַן אין דער ערשטער שורה פונעם ליד?

וויפיל טראַפן זײַנען אין דער ערשטער שורה פונעם ליד?
אין דער צווייטער שורה? אין דער דריטער? אין דער פערטער?

וויפיל טראַפן האָט דאָס ערשטע וואָרט פון דער ערשטער שורה?

נעם די צווייטע שורה. רייד אַרויס לאַנגזאַם דעם ערשטן טראַף. פון וויפיל קלאַנגען באַשטייט דער טראַף?
פון וויפיל קלאַנגען באַשטייט דער צווייטער טראַף?
פון וויפיל טראַפן באַשטייט דאָס וואָרט הינטעלע? פון וויפיל קלאַנגען באַשטייט יעדער טראַף אין דעם וואָרט?

די צאָל קלאַנגען אין טראַף קען זײַן פאַרשיידן. אין ריידן באַשטייט דאָס וואָרט פון קלאַנגען. אין שרײַבן ווערן די קלאַנגען באַצייכנט מיט אותיות.

די אותיות.

א — אַלעף
בּ — בּיין
ב — וויין
ג — גימל
ד — דאַלעד
ה — היי
ו — וואָוו
ז — זײַען
ח — כעס
ט — טעס
י — יוד
כּ — קאָף
כ — כאָף
ך — לאַנגע=כאָף
ל — לאַמעד
מ — מעם

ם — שלאָס=מעם
נ — נון
ן — לאַנגע=נון
ס — סאַמעך
ע — אײַען
פּ — פּיי
פ — פיי
ף — לאַנגע=פיי
צ — צאַדיק
ץ — לאַנגע=צאַדיק
ק — קוף
ר — רייש
ש — שין
שׂ — סין
תּ — טאָף
ת — סאָף

דער יידישער אַלעף=בייז האָט 32 אותיות.

30

ארבעט. 40. שרייב אויס די ווייטערדיקע ווערטער לויטן אַלעף־בייז: מישפּחה. כּלים. לערער. חכם. וואָלף. אַלמער. באַרנע. צירל. פויגל. זייד. שיידל. שׂרה. נרוב. היי. תּנחום. פּינחס. דוויר. טיש. יומטוב. נאָז. סאָסנע. עמער.

41. שרייב אויס לויטן אַלעף־בייז די נעמען פון די שילער אין דיין קלאַס.

42. שרייב אויס לויטן אַלעף־בייז די פאַמיליע־נעמען פון די שילער אין דיין קלאַס.

43. שרייב אויס לויטן אַלעף־בייז די נעמען פון די חיות, וואָס דו קענסט.

באַמערקונג. אויב עס וועט אויף עפּעס אַן אות פעלן אַ נאָמען, דאַרף מען אַזוי פאַרשרייבן:
"אויף דעם אות... איז ניטאָ", אָדער:
"אויף דעם אות... ווייס איך ניט".

בעט דעם לערער, ער זאָל דיר ווייזן, ווי אַזוי מען זוכט אויף אַ וואָרט אין ווערטערבוך.

בעט דעם לערער, ער זאָל דיר ווייזן, ווי אַזוי מען ציילט לויט די אותיות פון אַלעף־בייז.

31

די קינדער זעצן זיך אַרום טיש.

וויפיל טראַפּן האָט דאָס ערשטע וואָרט? מיט וויפיל אותיות איז אָנגעשריבן דער טראַף? וויפיל קלאַנגען האָט דער טראַף? מיט וויפיל אותיות ווערט פאַרצייכנט יעדער קלאַנג?

באַטראַכט אויף דעם זעלבן אופן די ווײַטערדיקע ווערטער פון דעם זאַץ.

דאָס רוב ווערט אַ קלאַנג באַצייכנט מיט איין אות.

32

ווער וויל זען אַ טשיקאַווע זאַך?

וויפיל טראַפן האָט דאָס ערשטע וואָרט? וויפיל קלאַנגען האָט דער טראַף? מיט וויפיל אותיות ווערט באַצייכנט דער ערש־טער קלאַנג? מיט וויפיל דער צווייטער? מיט וויפיל דער דריטער?

וויפיל טראַפן האָט דאָס צווייטע וואָרט? וויפיל קלאַנגען האָט דיער טראַף? מיט וויפיל אותיות איז באַצייכנט דער ערשטער קלאַנג?

באַטראַכט די איבעריקע ווערטער: וויפיל טראַפן זיי האָבן, וויפיל קלאַנגען אין יעדן טראַף און מיט וויפיל אותיות ווערט יעדער קלאַנג באַצייכנט.

פאַראַן קלאַנגען, וואָס ווערן באַצייכנט מיט צוויי אותיות.

44. נעפּין אוים אין די געגעבענע ווערטער די קלאַנגען, וואָס ווערן באַצייכנט מיט צוויי אותיות: ארבעט.

ריטשקעלע. באַזשלקע. זשאַבע. טשאַמקען. פּיטשינ־קער. זשורנאַל. פּישטשען. טשעפּען. וואַלד. טשערעדע. זשוק. טשוואָק.

45. שרײַב איבער די אַלע ווערטער אין העפט און שטרײַך אונטער יענע אותיות, וואָס באַצייכענען צו־זאַמען איין קלאַנג.

33

אלײנהילכערס.

לײען איבער גאַנץ שטיל די קלאַנגען, װאָס זײַנען באַצײכנט מיט די אותיות:

אַ, אָ, ו, י, ע, וי, יי, ײַ;

לײען זײ איבער אַ ביסל העכער,

לײען זײ איבער הויך,

לײען זײ איבער גאָר הויך.

באַטראַכט זיך: ס'איז געװען נרינג אַרויסצורײדן װי דו האָסט געװאָלט? צי האָט דיר עפּעס װאָס געשטערט? צי קענסטו דעם קלאַנג ציען װילאַנג דו װילסט? און אַרויסרײדן קורץ?

באַמערק נוט, װי אַזוי דו האָסט געהאַלטן דאָס מויל, בשעת דו האָסט אַרויסגערעדט יעדן קלאַנג. צי האָסטו פאַרמאַכט די ליפּן אַרויסרײדנדיק די קלאַנגען? צי האָסטו פאַרדריקט די צײן?

טראַכט צו אַזעלכע װערטער, װאָס זאָלן זיך אָנהײבן מיט די קלאַנגען אַ, אָ, ו, י, ע, וי, יי, ײַ

> די קלאַנגען אַ, אָ, ו, י, ע, וי, יי, ײַ קענען אַרויסגערעדט װערן אי שטיל אי הויך, אי לאַנג אי קורץ. בײַם אַרויסרײדן די אַלע קלאַנגען איז דאָס מויל אָפן, און די לופט גײט פון האַלדז פרײַ, אָן שום שטער. די אַלע קלאַנגען רופן זיך אַלײנהילכערס.

ארבעט. 46. שרײַב אויס פון דײַן בוך אין העפט אַרײַן אַ 5—6 שורות און שטרײַך אונטער די אותיות, װאָס באַצײכענען אַלײנהילכערס.

47. טראַכט צו און פאַרשרײַב אַ צענדליק װערטער, װעלכע הײבן זיך אָן מיט אַלײנהילכערס.

34

ו — י.

די מוטער רופט איר קינד. די פיר פירט תבואה.
די נוס איז פול. דער ברודער איז געקומען צו פליען.
זאָל זײַן געזונט.

לייען איבער דעם ערשטן זאַץ. פאַרגלײַך די שרײַבונג פון די ווערטער מוטער און קינד. צי איז דער קלאַנג י אויסגעלייגט איןביידע ווערטער אייפן זעלביקן אופן?

נעם דעם צווייטן זאַץ. פאַרגלײַך דעם אויסלייג פון דעם קלאַנג י אין די ווערטער פיר און פירט.

קוק זיך צו צום אויסלייג פון דעם קלאַנג י אין די ווײַטערדיקע זאַצן.

דער קלאַנג י ווערט אויסגעלייגט אויף צוויי אופנים: מיט אַ יוד און מיט אַ וואָו.

אַרבעט. 48. שרײַב איבער צו זיך אין העפט די ווײַטערדיקע זאַצן:

די מוטער רופט איר קינד. די פור פירט תבואה.
די נוס איז פול. דער ברודער איז געקומען צו פליען.
ווו ביסטו? מיר גלוסט זיך ניט צו ליגן אויף דער זון.
די שטוב איז פאַרשלאָסן. וואָס האָסטו צו מיר? עס בלאָזט אַ מילדער ווינט. זילבער איז ווײַס, קופּער איז רויט. זי הוסט שטאַרק.

49. שרײַב אויס פריער די ווערטער, ווו דער קלאַנג י איז אויסגעליינט מיט אַ יוד, דערנאָך די ווערטער, ווו דער קלאַנג י איז אויסגעליינט מיט אַ וואָוו.

50. קלער צו צו איין נײַעם זאַץ אויף איטלעך וואָרט, וואָס דו האָסט אויסגעשריבן.

51. שרײַב איבער אין העפט די ווײַטערדיקע סלופּיקלעך:

איין הוט — צוויי היט	איין קרוג — צוויי קריג
איין נוס — צוויי ניס	איין שוך — צוויי שיך
איין ברודער—צוויי ברידער	איין זון — צוויי זין
איין פוס — צוויי פיס	איין פוקס — צוויי פיקס

52. שרײַב איבער אין העפט די ווײַטערדיקע סלופּיקלעך:

איין טוך — צוויי טיכער	איין צונג — צוויי צינגער
איין בוך — צוויי ביכער	איין הון — צוויי הינער
איין רוט — צוויי ריטער	איין גרוב — צוויי גריבער

53. שרײַב איבער אין העפט די ווײַטערדיקע סלופּיקלעך:

איין פור — צוויי פורן	איין בלום — צוויי בלומען
איין זון — צוויי זונען	איין טון — צוויי טונען
איין ווונד — צוויי ווונדן	איין שול — צוויי שולן

54. צו די ווערטער פון דער אַרבעט 51 קלער צו זאַצן: פריער צו די ווערטער וואָס מיט וואָוו, דערנאָך צו די ווערטער וואָס מיט יוד.

55. צו די ווערטער פון דער אַרבעט 52 קלער צו זאַצן: פריער צו די ווערטער וואָס מיט וואָוו, דערנאָך צו די ווערטער וואָס מיט יוד.

56. צו די ווערטער פון דער אַרבעט 53 קלער צו זאַצן.

35 ●

ע — י.

די מאַמע צינדט אָן די ליכט. דער שוסטער פאַר־ריכט מיר די שטיוול.

גיב אַכט, ווי אַזוי עס זיינען געשריבן די ווערטער: ליכט, פאַרריכט.

> עס טרעפן פאַלן, ווען פאַר דעם קלאַנג כ ווערט דער קלאַנג ע אויסגעלייגט ניט מיט אַן אייען, נאָר מיט אַ יוד.

57. שרייב איבער די וויטערדיקע זאַצן. ארבעט.

די קאַשע איז געדיכט. ער רופט מיך שפּאַצירן. ווו באַרסטו דיך? אין צימער ברענט אַ ליכט.

58. שרייב אַרויס צו דיר אין העפט די ווערטער פון דער אַרבעט 57, ווו דער קלאַנג ע איז אויסגעליינט מיט אַ יוד.

59. טראַכט צו אַ נייעם זאַץ צו יעדן וואָרט, וואָס דו האָסט אויסגעשריבן פון דער אַרבעט 57.

36 *

יי — וי.

ביילע האָט צוגעשטעלט דעם לייטער צום בוים און איז אַרויפגעקראָכן גאַנץ הויך. דאָס קליינע קינד וויינט. ווו וויינט איר איצט? דער טייך איז ברייט. גיט מיר אַ קילאָ ברויט.

פאַרגלײַך די שרײַבונג פֿון די ווערטער: ביילע, לייטער און בוים, הויך. צי איז דער קלאַנג יי אויסגעלייגט ביידע מאָל אויפֿן זעלביקן אופֿן?

נעם אין דעם צווייטן זאַץ דאָס וואָרט ווײַנט און אין דריטן דאָס וואָרט ווײַנט. פאַרגלײַך דעם אויסלייג פֿון די צוויי ווערטער.

קוק זיך צו צום אויסלייג פֿון דעם קלאַנג יי אין די אַנדערע זאַצן.

> דער קלאַנג יי ווערט אויסגעלייגט אויף צוויי אופֿנים: מיט צוויי יודן און מיט וואָוו יוד.

ארבעט. 60. שרײַב איבער צו זיך אין העפֿט די ווײַטערדיקע זאַצן:

רייזל איז צוויי וואָכן געווען צו-גאַסט בײַ איר חברטע קריינדעלע. האָסט געזען, ווי אַזוי מען באַקט ברויט? אין טייג מוז מען אַרײַנלייגן הייוון, אַניט טויג ניט. איך פֿאַרשטיי זייער גוט אַלץ, וואָס דו מיינסט. לעבן דעם בוים שטייט אַ מיידעלע. גלייב מיר, אַז דו ביסט ניט גערעכט. דער זיידע איז שוין געקומען אַהיים. ווינטער הייצט מען דעם אויוון. די קוילן זײַנען רויט. לויף ניט גיך, וועסטו ניט רײַסן קיין שיך. מיר טוען וויי די אויגן.

61. שרײַב אויס פֿריער די ווערטער, ווו דער קלאַנג יי איז אויסגעלייגט מיט צוויי יודן, דערנאָך די ווערטער, ווו דער קלאַנג יי איז אויסגעלייגט מיט וואָוו יוד.

62. קלער צו צו איין נײַעם זאַץ אויף איטלעך וואָרט, וואָס דו האָסט אויסגעשריבן.

63. שרײַב איבער צו זיך אין העפט דאָס ווײַטערדיקע סלופיקל:

אײן בוים — צוויי ביימער

אײן פויגל — צוויי פייגל

אַ גרויסער בוים — אַ קלײן ביימעלע.

אַ גרויסער פויגל — אַ קלײן פייגעלע.

64. צו די ווערטער פון דער אַרבעט 63 קלער צו ואַצן: פריער צו די ווערטער וואָס מיט ו ו אָ ו ו = י ו ד, דערנאָך צו די ווערטער וואָס מיט צ ו ו י י י ו ד ן.

פאַרגעדענק, אַז ווו עס שרײַבט זיך ו ו אָ ו ו יוד איז בעסער אַרויסצורײדן דעם קלאַנג אָי.

37

מ י ט ה י ל כ ע ר ס.

די לערערין מירע האָט דערצײלט אַ פרײלעכע גע= שיכטע. די געשיכטע איז די קינדער אַזוי געפעלן געוואָרן, אַז דער גאַנצער קלאַס האָט אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ גע= לעכטער. אווי! אײַ! אײַ = אײַ = אײַ! האָבן אַלע זיך געהאַלטן בײַ די זײַטן און געלאַכט.

די לערערין האָט געוואָלט אײַנשטילן דעם קלאַס, געמאַכט: ש=ש=ש, נאָר עס האָט ניט געהאָלפן. ענדלעך האָט די לערערין אויסגעשריען אויף אַ קול:

— שאַ!

האָבן זיך די קינדער באַרויִקט, און אין קלאַס איז געוואָרן שטיל.

די ווערטער אוי, אײַ קען מען אַרויסריידן אי שטיל אי הויך, מען קען זיי אַפילו אויסשרײַען אויך. פאַרוואָס? ווײַל זיי באַשטייען נאָר פון אַליינהילכערס.

צי קען מען דעם קלאַנג ש אויך אויסשרײַען? צי קען מען אים אַרויסריידן הויך?

וועלכן קלאַנג שרײַען מיר אַרויס הויך, ווען מיר שרײַען אויס דאָס וואָרט ש אַ?

פאַראַן קלאַנגען, וואָס פאַר זיך קענען זיי ניט הילכן הויך, סײַדן מיר ריידן זיי אַרויס צוזאַמען מיט אַן אַליינהילכער. די קלאַנגען, וואָס פאַר זיך אַליין קען מען זיי ניט אַרויסריידן הויך, רופט מען מיטהילכער.

אַרבעט. 65. רייד אַרויס די קלאַנגען ק, ל, אָ, ר, י, פּ, כ, וו, ו, ז, ע, אַ, פ, מ, נ. פּרווו אויס, וועלכע קלאַנג מען קען אויסשרײַען און וועלכן ניט. שרײַב אָן די אַליינהילכערס אין איין סלופּיקל, און די מיטהילכערס אין אַ צווייטן סלופּיקל.

38

מיטהילכערס.

. רייד אַרויס דעם קלאַנג פּ. וואָסערע טיילן מויל פאַרהאַלטן די לופט בײַם אַרויסריידן דעם קלאַנג?

רייד אַרויס דעם קלאַנג ל. וואָסערע טיילן מויל פאַרהאַלטן די לופט בײַם אַרויסריידן דעם קלאַנג?

רייד אַרויס דעם קלאַנג כ. וואָסערע טיילן מויל פאַרהאַלטן די לופט בײַם אַרויסריידן דעם קלאַנג?

וואָסערע טיילן מויל שטערן דער לופט פריי אַרויסצוגיין, בשעת דו רעדסט אַרויס דעם קלאַנג וו? דעם קלאַנג ט?
פּרווו, צי קענסטו אַרויסריידן דעם קלאַנג פּ מיט אָפענע ליפּן? און דעם קלאַנג ל האַלמנדיק די צונג ווייט פון גומען? און דעם קלאַנג וו ניט צודריקנדיק די אונטערשטע ליפּ צו די אייבערשטע ציין?

> די מיטהילכערס לאָזן זיך אַרויסריידן נאָר ווען מען פאַרהאַלט די לופט מיט די ליפּן, מיט די ציין, מיט דער צונג, מיטן גומען; מיט אַ פרייען אָפענעם מויל קען מען זיי ניט אַרויסריידן.

39

מיטהילכערס.

פאַרדריק די ליפּן און רייד אַרויס דעם אַליינהילכער ו. — פאַרשרייב דעם טראַף, וואָס איז אַרויס.
דריק צו די צונג צו די ציין און רייד אַרויס דעם אַליינ-הילכער ע. — פאַרשרייב דעם טראַף, וואָס איז אַרויס.
פאַרדריק די נאָז און פּרווו אַרויסריידן דעם קלאַנג נ. — צי איז דער קלאַנג אַרויס דייטלעך?
פאַרדריק די נאָז און פּרווו אַרויסריידן דעם קלאַנג מ. — צי איז ער אַרויס דייטלעך?
דריק צו די אונטערשטע ליפּ צו די אייבערשטע ציין און לאָז אַרויס אַ קול. — פאַרשרייב דעם קלאַנג, וואָס איז אַרויס.
רייד אַרויס דעם קלאַנג ג און באַטראַכט זיך, וואָסערע טיילן מויל דו האָסט געברויכט דערביי?
רייד אַרויס דעם קלאַנג ס. וואָסערע טיילן מויל האָסטו געברויכט?

די מיטהילכער זיינען:

ב ג ד ה ו ו ז ט י כ ל מ נ ס פּ פ צ ק ר ש

דער אות יוד קען באַצייכענען סיי אַן אַליינהילכער, סיי אַ מיטהילכער.

אַרבעט. 66. שרייב אויס פון בוך צען שורות און שטרייך אונ-טער די מיטהילכערס.

67. צו יעדן מיטהילכער טראַכט צו אַ וואָרט, וואָס זאָל זיך מיט דעם דאָזיקן מיטהילכער אָנהייבן.

40

די בין.

בינעלע, בינעלע, האָניק מאַך!
נאָר דעם בינענשטאָק באַוואַך!
פאַראַן אַ בער, פאַראַן אַ בער,
וואָס ער ליבט דעם האָניק זייער.

באַמערק, וואָסערע קלאַנגען ווערן באַצייכנט מיט דעם אות אַלעף.

אַרבעט. 68. שרייב אָן פינף ווערטער, אין וועלכע דער אות אַלעף באַצייכנט דעם קלאַנג אַ.

69. שרייב אָן פינף ווערטער, אין וועלכע דער אות אַלעף באַצייכנט דעם קלאַנג אָ.

• 70. שרייב אָן פינף ווערטער, אין וועלכע דער אות אַלעף באַצייכנט דעם קלאַנג ו (u).

פאַראַן אותיות, וואָס קענען באַצייכענען פאַרשיידענע קלאַנגען.

נ אַ כ ט.

זאַכט
רוקט זיך אָן די נאַכט;
געשטילט
און אין שלייער איַנגעהילט.
איינזאַם ווערט
הימל און ערד.

באַמערק, וואָס פאַר אַ קלאַנג באַצייכנט דער אות אַלעף צום אָנהייב פון די ווערטער: און, אין, איַנגעהילט, איינזאַם?

ווען די אַליינהילכערס: וי וו יי יַי קומען אין אָנהייב וואָרט, שריַיבט מען פאַר זיי אַן אַלעף, וועלכער ווערט ניט אַרויסגערעדט. דער דאָזיקער אַלעף רופט זיך שטומער. אין דעם צווייטן טייל פון אַ צונויפגעשטעלטן וואָרט בלייַבט דער אַלעף ווי אין אַ געוויינלעכן אָנהייב וואָרט, למשל: אינאיינעם, באַקאוויון, ריבאייזן.

41

שטומער אַלעף.

ארבעט. 70. שריַיב אוים און שטריַיך אונטער די ווערטער מיט דעם שטומען אַלעף:

קויפט, קויפט, קונים! איך האָב איַיך צו פאַרקויפן
אַ פערדעלע, אַ וועגעלע אויף ריַיטן און אויף לויפן.
קומט דער אָוונט שטיל אַרוים און גייט אום גאַס=
איַין, גאַס=אויס.

אַלע אייניקלעך עסן, נאָר איך איינער בין אַן אויסנאַם.
מען דאַרף זיך אַ ביסל צואײַלן!
לאָמיר אַלע אינאיינעם דעם רבין מקבל-פּנים זײַן.

אַרבעט. 71. טראַכט צו (אָדער זוך אויף אין דײַן בוך) צען ווערטער מיט שטומע אַלעפן פאַר די אַליינהילכערס.

42

שטומער אַלעף.

וווינט אַ באַבעצע אין וואַלד, מיט אַן אייניקל אין וואַלד. דו האָסט זיך אומזיסט געאײַלט. און יאָרן ציען, יאָרן פליען. ווו ס'איז אונדזער וווינונג, דאָרט איז אונ-דזער לאַנד. האָסט געגעבן אַ צוקן אײַנגעמאַכטס? ניין; איך האָב אים געוואָלט געבן, נאָר ער איז ניטאָ. שיפרה איז אַן איינאונאײנציקע טאָכטער בײַ אירע על-טערן. זײַן הויט איז געוואָרן ווי אַ ריבאײַזן. מײַזעלע, מײַזעלע, נאַ דיר אַ ביינערנעם, גיב מיר אַן אײַזערנעם. זי איז רויט געוואָרן איבער די אויערן.

אַרבעט. 72. שרײַב איבער די זאַצן און שטרײַך אונטער די שטומע אַלעפן.

73. זוך אויף אין דײַן לייענבוך צען ווערטער מיטן שטומען אַלעף אין אָנהייב וואָרט (אָדער אין צו-נויפגעשטעלטע ווערטער) און שרײַב זיי אַרײַן צו דיר אין העפט.

74. טראַכט אַליין צו צען ווערטער מיטן שטומען אַלעף און שרײַב זיי אַרײַן אין העפט.

75. שרײַב איבער צו זיך אין העפט די ווײַטערדיקע ווערטער:

לאַנגאויער	פּרעסאײַזן
אויסאיידלען	פּאַראײניקן
מוילאייזל	צואײַלן
פּאַראייביקן	נעאויקעט
אויבנאויף	הינעראײַ

43*

ענג, ענק.

1) וועלוול ברענגט מיר אַ טרונק וואַסער.

2) מעסט אויס דאָס צימער אין דער לענג און אין דער ברייט.

3) איך געדענק אַלץ, וואָס איך האָב געהערט.

4) די קינדער זיצן אויף די בענק.

לייען איבער דעם ערשטן בײַשפּיל. הער זיך צו, ווי אַזוי עס רעדט זיך אַרויס דער קלאַנג פון דעם אות אײַען אין דעם וואָרט וועלוול? ווי אַזוי רעדט זיך אַרויס דער קלאַנג פון דעם אות אײַען אין דעם וואָרט ב ר ע נ ג ט? גיב אַכט, וואָסערע קלאַנגען זײַנען נאָכן אײַען אין דעם וואָרט ב ר ע נ ג ט.

לייען איבער דעם צווייטן בײַשפּיל. פאַרגלײַך, ווי אַזוי רעדט זיך אַרויס דער קלאַנג פון דעם אות אײַען אין דעם וואָרט מ ע ס ט און אין דעם וואָרט ל ע נ ג. וועלכע קלאַנגען זײַנען נאָך דעם אײַען אין דעם וואָרט ל ע נ ג. פאַרגלײַך דאָס וואָרט ב ר ע נ ג ט פונעם ערשטן בײַשפּיל מיטן וואָרט ל ע נ ג פונעם צווייטן בײַשפּיל.

נעם דעם דריטן בײַשפּיל. באַטראַכט דאָס וואָרט נערענק;
ווי אַזוי ווערט אַרויסגערעדט דער קלאַנג פון דעם אות אײַען און
וואָסערע קלאַנגען גייען נאָכדעם. פאַרגלײַך מיט דעם וואָרט בענק
פון פערטן בײַשפּיל.

> פאַר די באַהעפטונגען נג און נק ווערט דער קלאַנג
> עי באַצייכנט מיטן אות אײַען.

ארבעט. 76. שרײַב אויס אין העפט די ווײַטערדיקע ווערטער,
דערנאָך קלער צו צו איין זאַך אויף איטלעך וואָרט:

בענקעלע. קרענקען. ענג. בענקסט. שענק. נערענקען. ברענג.

44 ●

ע.

1) נעם דעם וועג אויף רעכטס.
2) וועלוול, ברענג מיר אַ שערעלע.
3) ער עסט ברויט מיט קעז.
4) כ׳הער ניט, וואָס דו רעדסט.

לייען איבער דעם ערשטן בײַשפּיל. פאַרגלײַך, ווי אַזוי
רעדט זיך אַרויס דער אות אײַען אין דעם וואָרט נעם אין אין
דעם וואָרט וועג.

לייען איבער דעם צווייטן בײַשפּיל. נעם די ווערטער
וועלוול, ברענג, שערעלע. ווי אַזוי לייענט זיך דער אות
אײַען אין דעם ערשטן, ווי אַזוי אין דעם צווייטן און ווי אַזוי אין
דריטן וואָרט?

פאַרגלײַך אין דעם דריטן בײַשפּיל די ווערטער עסט און
קעז, אין דעם פערטן בײַשפּיל די ווערטער הער און רעדסט.

דער אות אײַען באַצייכנט טיילמאָל דעם קלאַנג ע (e), טיילמאָל דעם קלאַנג עי (ej).

פאַרגעדענק: דאָס וואָרט זייער שרײַבט מען מיט צוויי יודן (איןביידע טײַטשן): איך בין זייער מיד; די קינדער האָבן מיר געגעבן זייער בוך.

45

ענג, ענק.

77. שרײַב איבער די זאַצן און שטרײַך אונטער די אײַענס, וואָס באַצייכענען דעם קלאַנג עי:

זאָל ער האָבן צו געדענקען. זאָל אים פעטער שנייער שענקען. בערעלע האָט געבענקט נאָך זיין קליינינקן פרײַנד. ביידע גלײַך זײַנען מיר אַרויסגעקראָכן פון דער פינצטערער ענגשאַפט. אַך, פינצטער איז מיר, ענג איז מיר דאָ. ער ברענגט דעם גרויסן בייגל אַהיים. בײַם וועבן ציען זיך די פעדעם אין דער לענג און אין דער ברייט. בײַ מיר איז אַריינגעפלאָכטן אַ סטענגע אין צאָפ. מײַן פאָטער איז זייער אַ שטרענגער. מײַן בלײַער איז לענגער פאַר דײַנעם. הענג אויף דעם האַנטוך. שווענק מיר אויס דעם טאָפ. מײַן פעטער איז פאַרשלאָפט געוואָרן אויף אַ געפערלעכער קרענק. מײַן מומע האָט צוויי נעמען: עטע און מערע. בײַ אונדז אין גאָרטן וואַקסן מערן.

78. שרײַבט איבער דאָס ליד און שטרײַך אונטער די אײַעגס, וואָס באַצייכענען דעם קלאַנג עי:

קומט דער האַרבסט, קומט דער האַרבסט,
שטייען ביימער גרייטע;
הענגען וייערע צווײַגעלעך
פול מיט עפל רויטע.

טו איך צו די עפּעלעך
אַ גוט=מאָרגן ברענגען:
„זײַט איר ניט קיין שלעכטינקע,
וועט איר איינס מיר שענקען!"

46

אנג, אנק.

1) יאַנקעלע וויל אַ יעגער זײַן.
2) אין פעלד וואַקסן זאַנגען.
3) דערלאַנג מיר דאָס בוך פון דער פּאָליצע!
4) מײַן ברודער איז קראַנק.

לייען איבער דעם ערשטן בײַשפּיל. ווי אַזוי ווערט געשריבן דער קלאַנג אַי אין דעם וואָרט יאַנקעלע? פאַרגלײַך מיט דעם וואָרט אַ אין דעם זעלביקן זאַץ. פאַר וועלכע מיטהילכערס שטייט דער אַלעף אין דעם וואָרט יאַנקעלע?

לייען איבער דעם צווייטן בײַשפּיל. פאַרגלײַך, ווי אַזוי עס שרײַבט זיך דער קלאַנג אַי אין דעם וואָרט זאַנגען און ווי אַזוי ער שרײַבט זיך אין דעם וואָרט יאַנקעלע? פאַרגלײַך מיט דעם אות אַלעף אין דעם וואָרט וואַקסן. פאַר וועלכע מיטהילכערס שטייט דער אַלעף אין דעם וואָרט זאַנגען?

לייען דעם דריטן בײַשפּיל. באַטראַכט דאָס וואָרט ד ע ר־
ל אַ נ ג.

באַטראַכט אין דעם פערטן בײַשפּיל דאָס וואָרט ק ר אַ נ ק.

> אין כּלל באַצייכנט דער אות אַלעף (אַ) דעם קלאַנג אַ. נאָר פאַר די באַהעפטונגען נ ג און נ ק באַצייכנט דער אַלעף (אַ) דעם קלאַנג אַי.

אַרבעט. 79. שרײַב אויס פון דײַן לייענבוך פינף ווערטער, וואָס אין זיי ווערט דער קלאַנג אַי אויסגעלייגט מיט אַן אַלעף (אַ).

80. שרײַב איבער דאָס ליד און שטרײַך אונטער די אַלעפן, וואָס באַצייכענען דעם קלאַנג אַי:

ג ע פ אַ נ ג ע ן.

דער פרילינג איז געקומען, דער שניי איז צעגאַנגען,
זיצט אין אַ שטײַגל אַ פויגל געפאַנגען.

עס קלינגען אויף פעלדער דעם שניטערס געזאַנגען...
זיצט אין אַ שטײַגל אַ פויגל געפאַנגען.

פינצטער ווערט דרויסן, די זון איז פאַרגאַנגען —
זיצט אין אַ שטײַגל אַ פויגל געפאַנגען.

די נאַכט איז געקומען, די פענצטער פאַרהאַנגען,
זיצט אין אַ שטײַגל אַ פויגל געפאַנגען.

81. שרײַב איבער די געגעבענע בײַשפּילן און שטרײַך אונטער דעם קלאַנג אַי (אויסגעלייגט מיט אַלעף) פאַר נג, נק:

וואַקסט פון יערן קינד אַ ריז ביזן הימל צו דער־לאַנגען. עס רײַסט זיך אַרויס פון מײַן ברוסט אַ געזאַנג אָן ווערטער און אָן אַ ניגון. שטורעם בייזער, זאָג, וואָס דו פאַרלאַנגסט פון מיר. ער טוט אַ שפרונג אַראָפּ פון באַנק און אַרויף אויפן פּריפּעטשיק. העי נאַר, ברודער, וואָס איך דאַרף: אַקעראַנײַזנס בלאַנק און שאַרף. איך האָב באַקוקט די בילדער, וואָס זײַנען געהאַנגען אויף די ווענט. מיר זײַנען געגאַנגען שפּאַצירן.

47

מ י כ אַ ל י ע ק ו.

האָב איך מיר אַ מיכאַליעקו,
וווינט ער אויף דער לאַנגער גאַס.
מאַכט ער מיר, וואָס איך וויל,
מאַכט ער מיר, וואָס ער קען.
מאַכט ער מיר אַ פּײַפּעליו,
פּײַפּעליו מאַכט אַזוי:
פליו פליו, פליו פליו פליו—
מאַכט דאָס פּײַפּעליו.

לייען איבער די ערשטע צוויי שורות. פאַרגלײַך, ווי אַזוי רעדט זיך אַרויס די באַהעפטונג פון די אותיות ל י אין דעם וואָרט מ י כ אַ ל י ע ק ו און דער אות ל אין דעם וואָרט לאַנגער? געפין אין דעם ליד נאָך ווערטער מיט אַזעלכע באַהעפטונגען פון ל י און שרײַב זיי איבער צו זיך אין העפט.

ווען דער קלאַנג ל פאַר אַן אַליינהילכער דאַרף אַרויסגערעדט ווערן ווייך, שרייבט מען נאָכן לאַמעד אַ יוד. דאָס זעלביקע איז אויך מיט די מיטהילכערס ד ז ט נ ס.

אַרבעט. 82. שרייב איבער די ווייטערדיקע זאַצן און שטרייך אונטער די אותיות, וואָס באַצייכענען אַ ווייכן מיט-הילכער:

מײַן פאָטער רופט מען ניאָמע, מײַן ווירן פיניע, און מיך זיאַמעלע.

דאָס האַרץ האָט מיר געקלאַפּט: טיאָך, טיאָך, טיאָך.

דיאַם דיאַם, אויף יענער זײַט יַם רײַסט מען זיך שוין פאַר די האָר.

מען האָט געשפּילט אין טעאַטער „כאַסיע די יתומה”.

איך האָב אַ חבר, רופט מען אים סיאָמע, זיין מאַ-מען רופט מען פעסיע.

זיי זײַנען געווען גאָר קוצעניו-מוצעניו.

איך קען אַ ליד פון קאַדיע מאַלאָדאָויסקי.

48

ווייכע מיטהילכערס.

מיר האָבן געלייענט וועגן מאָטל פּייסי דעם חזנס.

מאַניע, מאַניע, מאַנקעלע האָט אַ שיינע פּאָפּקעלע.

מיין פעטער רייכערט אַ ליולקע.

קליינע מיידלעך שפּילן זיך אין ליאַלקעס.

אין מײַן בוך איז פֿאַראַן אַ ליד פֿון מאַני לײב, אַ ליד
פֿון משה קולבאַק און אַ ליד פֿון משה-לײב האַלפּערן.

מײַן חבֿרטעס שװעסטער רופֿט מען בעטי.
ליוסי, ליוסי, נאַ אַ גלעקל!

פֿאַר דעם אַלײנהילכער י שרײַבט מען די װײכע מיטהילכער אָן אַ יוד.
אַ װײכן מיטהילכער צום סוף טראַף שרײַבט מען אױך אָן אַ יוד.

אַרבעט. 83. שרײַב איבער אין העפֿט די זאַצן פֿון דעם איצטיקן נומער.

49

פּן.

לעבן אונדז געפֿינט זיך דער „טראָפּן מילך“.
די מאַמע האָט געבראַכט אַ לאַבן ברױט.
מיר האָבן אָנגעהױבן צו שרײַבן.
ליװער קען גוט קלעפּן.

נעם אין דעם ערשטן בײַשפּיל דאָס װאָרט טראָפּן. צעטײל עס אױף טראַפּן. פֿון װאָסערע קלאַנגען באַשטײט דער צװײטער טראַף? מיט װאָס פֿאַר אַן אות איז פֿאַרשריבן דער לעצטער קלאַנג?

נעם פֿון דעם צװײטן בײַשפּיל דאָס װאָרט לאַבן. גיב אַכט, װי אַזױ עס רעדט זיך אַרױס דער לעצטער קלאַנג און װי אַזױ ער איז פֿאַרשריבן.

טו דאָס אײגענע מיט די װערטער האָבן, אָנגעהױבן, שרײַבן, קלעפּן פֿון דריטן און פֿערטן בײַשפּיל,

אין כּלל באַצייכנט דער אות נון דעם קלאַנג נ; נאָר ווען פּן און בּן זײַנען באַהאָפטן אין טראַף אָן אַן אַליינהילכער צווישן זיי, באַצייכנט דער נון דעם קלאַנג מ·

ארבעט. 84. שרײַבֿ איבֿער די ווײַטערדיקע זאַצן און שטרײַך אונטער, ווו דו הערסט נאָך אַ פּיי דעם קלאַנג מ און דו שרײַבֿסט דעם אות נון:

די קינדער שטופּן זיך. די בעקער זיפּן מעל. מיר קלאַפּן אויס דעם שטויבֿ פֿון די מאַטראַצן. די פֿישער באַפּן פֿיש. מיר קלעפּן פֿון ליים. איר זאָלט ניט פֿאַרקניפּן די שטריק. בלינדע געפֿינען דעם וועג טאַפּנדיק. די מוטער זיצט צוקאָפּנס בײַ איר קראַנקן קינד. מײַן ברודער קען אויסזופּן אַ גאַנצן טעלער פּערלגרויפּן. בײַ ליפּען זײַנען אײַנגעריכט די ליפּן.

85. שרײַבֿ איבֿער די ווײַטערדיקע זאַצן און שטרײַך אונטער, ווו דו הערסט נאָך אַ בּייז דעם קלאַנג מ און דו שרײַבֿסט דעם אות נון:

אין מײַן גאָרטן וואַקסן ריבֿן. מיר האָבֿן נעכטן געקליבֿן יאַגדעס אין וואַלד. די מאַמע האָט געהייסן ציפּען אָנשאָבֿן קאַרטאָפֿל. זאָג ליבֿען, זי זאָל אָנרײַבֿן כריין. די פּאַכטעכער טרײַבֿן די קי אין פֿעלד אַרויס. ווײַן מאַכט מען פֿון ווײַנטרויבֿן. האָב איך אַ פּאָר טויבֿן, טויבֿן, וואָס זיי נייען הויבֿן. איך האָב געגעבֿן דער באָבען אַ מתּנה.

86. שרײַב איבער צו זיך אין העפט די ווײַטערדיקע ווערטער:

קנײַפּן	שטעפּן	דראַפּען
צופּן	היפּן	קאַפּען
שטאָפּן	אײַנוואַפּן	קוואַפּען זיך
צאַפּן	שנאַפּן	טשעפּען
האָפּן	קעפּן	קאַלופּען

87. שרײַב איבער צו זיך אין העפט די ווײַטערדיקע ווערטער:

גלייבן	געבן	בעבען
לויבן	בלײַבן	דלובען
דערלויבן	וועבן	סקראָבען
גראָבן	לעבן	כליאָבען
אָנהייבן	זיבן	

50

פּ — ב.

ארבעט. 88. שרײַב איבער דאָס ווײַטערדיקע און שטרײַך דערבײַ אונטער, ווו דו הערסט אַ פּ:

צוויי ריפּן — איין ריפּ

צוויי ליפּן — איין ליפּ

צוויי זיפּן — איין זיפּ

צוויי טרעפּן — איין טרעפּ

מיר קלאַפּן — איר קלאַפּט

מיר קלעפּן — איר קלעפּט

זיי שטופּן — איר שטופּט

89. שרײַב איבער און גיב צו:

מיר שטאָפּן — דו שטאָפּסט

מיר צופּן — דו

מיר קנײַפּן — איר קנײַפּט

מיר פֿאַרקניפּן — איר

90. שרײַב איבער די ווײַטערדיקע זאַצן און שטרײַך דערבײַ אונטער, ווו דו הערסט דעם קלאַנג פּ און דו שרײַבסט דעם אות ב י י ז:

דו שרײַבסט. ער וועבט. איר גראָבט. דו גלייבסט. ער לאָבט זיך. דער לערער לויבט מײַן אַרבעט. זי הייבט נית אָן צו וויסן. די מאַמע דערלויבט נית צו פּײַפֿן.

91. מאַך איבער די ועלבע ווערטער אַזוי, אַז עס זאָל זיך גאַנץ דײַטלעך הערן דער קלאַנג ב:

דו שרײַבסט — מיר שרײַבן

ער וועבט — מיר וועבן

איר גראָבט

דו גלייבסט

ער לאָבט זיך

ער לויבט

זי הייבט אָן

זי דערלויבט

אין כּלל באַצייכנט דער אות ב י י ז דעם קלאַנג ב און דער אות פּ י י דעם קלאַנג פּ. אָבער פּאַר מיטהילכער טרעפט טײלמאָל, אַז עס הערט זיך פּ, און שרײַבן שרײַבט מען פונדעסטוועגן אַ ב י י ז. כּדי צו וויסן, צי מען זאָל אויסלייגן דעם סָפקדיקן קלאַנג מיט אַ ב י י ז אָדער אַ פּ י י, דאַרף מען איבעראַנדערשן דאָס וואָרט אַזוי, אַז דער סָפקדיקער קלאַנג זאָל זיך הערן אינגאַנצן דײַטלעך. אויב דאָרט, ווו ס'איז דײַטלעך, הערט זיך דער קלאַנג ב, איז אַ סימן, אַז ווו ס'איז דער סָפק דאַרף מען אויך שרײַבן אַ בייז.

51

פּ — ב.

אַרבעט. 92. שרײַב איבער און דערקלער, פאַרוואָס איז אין די ווײַטערדיקע ווערטער אָנגעשריבן פּ י י אָדער ב י י ז:

זײַן ווײַבס — ווײַל ווײַבל

לייבקע — ווײַל לייבע

דאָבציע —

ער בלײַבט —

ער כאַפּט —

זי טרײַבט —

ליבסטער — ווײַל ליבער

גרעבסטער —

לײַבקאָליר —

שטויבפּאָדעם —

דו שטעפּסט —

דו הייבסט —

93. שרײַב איבער און פאַרנעדענק די ווײַטערדיקע ווערטער:

אָפּ	האָפּ	ריפּס
אַראָפּ	היפּש	שניפּס
גאַלאָפּ	קליפּ=קלאַפּ	שעפּס

94. שרײַב אויס פון די ווײַטערדיקע זאַצן די ווער-
טער, ווו דער ספּפּקדיקער קלאַנג איז אויסגעליינט
מיט אַ ב ייז:

אַז מען לעבט, דערלעבט מען. לײַבקעס פּאָטער איז
אַ קאָרבפּלעכטער. ער איז בײַ זײַן טאַטן דאָס ליבסטע
קינד. די שפּין האָט אויסגעוועבט שפּינוועבס. די זאָקן ווײַ-
נען פון לײַבקאָליר. די מאַמע קלײַבט נחת פון איר געראָ-
טענעם בחור. דער טויבשטומער קען ניט ריידן און ניט
הערן. ביילע טראָגט אוירינגלעך אין די אויערלעפלעך.
דאָס וואַסער איז לעבלעך, ניט קאַלט און ניט הייס. די
גרעבסטע וואַנט אין הויז האַלט איין מעטער.

95. דערקלער, פאַרוואָס שטייט אין די אויסגעשריבענע
ווערטער פון דער אַרבעט 94 אַ ב ייז, לויטן
בײַשפּיל:

לעבט — ווײַל מיר לעבן
דערלעבט — ווײַל מיר דערלעבן
לייבקעס — ווײַל לייבע.

52

פּ — ב.

אַרבעט. 96. שרײַב איבער און שטרײַך אונטער דעם אות ב ײַז:

קאָרב — קערבעלע	הויב — הײַבעלע
באָב — בעבעלע	שטוב — שטיבעלע
ריב — ריבעלע	ווײַב — ווײַבעלע
טויב — טײַבעלע	שויב — שײַבעלע
איך לויב — מיר לויבן	איך טרײַב — מיר טרײַבן
איך האָב — מיר האָבן	איך רײַב — מיר רײַבן

> סוף וואָרט קען אויך זײַן אַ ספק, צי מען זאָל אויס־ליגן דעם קלאַנג פּ מיט אַ פּ ײ אָדער מיט אַ ב ײַז. דאַרף מען אויך אין דעם פֿאַל איבערצאַנדערשן דאָס וואָרט אַזוי, אַז דער ספקדיקער קלאַנג זאָל זיך הערן דײַטלעך. אויב דאָרט, ווו ס'איז דײַטלעך, הערט זיך קלאַנג ב, איז אַ סימן, אַז ווו ס'איז דער ספק דאַרף מען אויך שרײַבן אַ ב ײַז.

אַרבעט. 97. שרײַב איבער אין דערקלער, פֿאַרוואָס איז אין די ווײַטערדיקע ווערטער אָנגעשריבן פּ ײ אָדער ב ײַז:

קנאָפּ — ווײַל קנעפּל	ריפּ — ווײַל ריפּן
שויב — ווײַל שויבן	באָב —
קלאַפּ —	גרוב —
טרויב —	גאָב —
הויב —	האָרב —

98. שרײַב אויס פֿון די װײַטערדיקע זאַצן פֿריער די װערטער, װוּ דער סְפּקדיקער קלאַנג איז אויסגע־ לייגט מיט אַ פּ י י, און נאָכדעם די װערטער, װוּ דער סְפּקדיקער קלאַנג איז אויסגעלייגט מיט אַ ב י י ז:

די פֿראַגע איז װײער האַרב. פֿאַרװאָס האָסטו מיר געגעבן אַ שטופּ? ער איז אַרײַן אין שטוב. דער סלופּ איז אַ הויכער. מען דאַרף אַליין קענען צונייען אַ קנאָפּ. דאָס װאַסער איז טריב. אין קלוב אַרבעט מען דרײַ מאָל אַ װאָך. איך האָב געמאַכט אַ קנופּ אין נאָז־ טיכל, איך זאָל ניט פֿאַרגעסן די זאַך, װאָס מיר האָבן אָפּגערעדט. גיב אַ טאַפּ דײַן דֵפּק. דער קאַרפּ איז פֿון די פֿיש, װאָס האָבן שופּן. װער עס גראָבט אַ גרוב אונטער זײַן חַברס שטוב, פֿאַלט אַװוי פֿײַן אַליין אין אים אַרײַן.

99. דערקלער, פֿאַרװאָס שטייט אין די אויסגעשריבענע װערטער פֿון דער אַרבעט 98 אַ פּ י י אָדער אַ ב י י ז לויט די בײַשפּילן:

האַרב — װײַל האַרבער

שטופּ — װײַל שטופּן.

53

ט — ד.

אַרבעס. 100. שרײַב איבער אין העפֿט די װערטער:

יודקע, דָווידקע, זעלדקע, שילדקרויט, לאַנדקאַרטע, װאַלדפּאַלאַץ.

אין די אַלע ווערטער הערט זיך דער קלאַנג ט פאַר די קלאַנגען ק און פּ, און שרײַבן שרײַבט מען פונדעסטוועגן דעם אות ד אַ ל ע ד. פאַרוואָס?

יורקע — ווײַל יודע

דָווידקע —

וועלדקע —

שילדקרויט—ווײַל שילדן

לאַנדקאַרטע —

וואַלדפּאַלאַץ —

ווײַדקראָם —

101. שרײַב איבער אין העפט און דערענדיק לויט די בײַשפּילן:

געזונט — געזונטערהייט

קליין — קליינערהייט

קראַנק —

שטיל —

ניכטער —

פאַרשלאָפן —

102. שרײַב איבער אין העפט און פאַרגערענק:

קרובים רופן זיך אַנדערש פרײַנט. מיר זײַנען מיט אים שטיקלעך פרײַנטלעך.

ער איז מײַנער אַ גוטער פרײַנד. מיר באַגריסן זיך מיט אים וייער פרײַנדלעך. זי איז מײַנע אַ פרײַנדין.

עס בלאָזט אַ שאַרפער ווינט. עס וויית אַ קיל ווינטעלע.

ווי און ווינד איז מיר, וואָס איך האָב ניט קיין קוואַרטיר.

זינט ער איז אַריבער איז צווייטן קלאַס, האָט ער אָנגעהויבן צו לייענען אַ סך ביכער.

עס איז אַ זינד ניט צו העלפן דעם חבר.

54 ●

ט — ד.

אַרבעט. 103. שרייב איבער און שטרייך אונטער דעם אות דאַלעד:

קלייד — קליידעלע	באָד — בעדער
שווערד — שווערדל	ראָד — רעדער
מויד — מיידל	שמיד — שמידן
באָרד — בערדל	פעלד — פעלדער
איך רעד — מיר רעדן	ווילד — ווילדער
איך שנייד — מיר שניידן	איך לייד — מיר ליידן
	איך קלייד — מיר קליידן

סוף וואָרט קען אויך זיין אַ ספק, צי מען זאָל אויסלייגן דעם קלאַנג ט מיט אַ טעס אָדער מיט אַ דאַלעד. דאַרף מען אויך אין דעם פאַל איבעראַנדערשן דאָס וואָרט אַזוי, אַז דער ספּקדיקער קלאַנג זאָל זיך הערן דייטלעך. אויב דאָרט, ווו ס'איז דייטלעך, הערט זיך דער קלאַנג ד, איז אַ סימן, אַז ווו ס'איז דער ספק דאַרף מען אויך שרייבן אַ דאַלעד.

אַרבעט. 104. שרײַב איבער און דערקלער, פאַרוואָס איז אין די ווײַטערדיקע ווערטער אָנגעשריבן ט ע ם אָדער ד אַ ל ע ד:

ראָד — ווײַל רעדל	פעלד — ווײַל פעלדער
באָד —	העכט —
שמיד —	צאַרט —
ווינט —	האַרט —
ערד —	באָרד —
בלוט —	האַנט —
העלד —	ראַנד —

105. שרײַב אויס פון די ווײַטערדיקע זאַצן פריער די ווערטער, ווו דער סָפקדיקער קלאַנג איז אויס-געלייגט מיט אַ ט ע ם, און נאָכדעם די ווערטער, ווו דער סָפקדיקער קלאַנג איז אויס-געלייגט מיט אַ ד אַ ל ע ד:

דער רײַטער רײַט איבערן פעלד. פון יענער זײַט וואַלד ציט זיך אַ וועג. עס בלאָזט אַ לינד ווינטעלע. מײַן ברודער הייסט דָוויד. אונדזערע פרײַנט פון אַמעריקע זײַנען געקומען צו פאָרן: אַ פעטער, אַ מומע און אַ שוועס-טערקינד. קומט דער ליבער זומער, שפילן מיר אין זאַמד. נאָכן שניט בלײַבט דאָס פעלד פוסט און וויסט. דער שמיד וועט צושלאָגן דעם פערד צוויי פאָטקעוועס.

106. דערקלער, פאַרוואָס שטייט אין די אויס-געשרי-בענע ווערטער פון דער אַרבעט 105 אַ ט ע ם אָדער אַ ד אַ ל ע ד לויטן בײַשפיל:

פעלד — ווײַל פעלדער
זײַט — ווײַל זײַטל
ליגד — ווײַל לינדער.

55

טס.

ארבעט. 107. שרייב איבער צו זיך אין העפט די ווערטער:

דו טרעטסט, דו טראַכטסט, דו שיטסט.

אין די אַלע ווערטער הערט זיך דער קלאַנג צ, און שרייבן שרייבט זיך פונדעסטוועגן טעס סאַמעך. פאַרוואָס?

דו טרעטסט — ווייל מיר טרעטן

דו טראַכטסט — ווייל מיר טראַכטן

דו שיטסט — ווייל מיר

דו בייטסט — ווייל מיר

דו בראָטסט — ווייל מיר

דו גרייטסט — ווייל מיר

103. שרייב איבער און אַנדערש איבער לויטן ביישפיל:

מיר היטן — דו היטסט

מיר רייטן — דו

מיר האַלטן — דו

מיר טרעטן — דו

מיר בעטן — דו

מיר וועטן זיך — דו

מיר קנעטן — דו

מיר באַלייטן — דו

109. שרייב אריין צו זיך אין העפט און דערקלער, פאַרוואָס איז אין די שיטער נעדרוקטע ווערטער אָנגעשריבן אַ טעס, לויט די ביישפילן:

ער גייט רעכטס — ווײַל אַ רעכטער
ער טוט מיר שלעכטס — ווײַל אַ שלעכטער
אַל דאָס גוטס — ווײַל
זײַן פּנים איז אַרויטס — ווײַל
דעם העכטס קאָפּ — ווײַל
דער בלוטסטראָפּן — ווײַל
מײַן פרײַנדס הויז — ווײַל
דעם יאַטס קונצן — ווײַל
גאָטס וועלט — ווײַל
ער איז דער עלטסטער — ווײַל
דעם הונטס בילערײַ — ווײַל

56

דס.

אַרבעט. 110. שרײַב איבער צו זיך אין העפט די ווערטער:

דו שנײַדסט, דו רעדסט, דו באָדסט.

אין די אַלע ווערטער הערט זיך דער קלאַנג צ, און שרײַבן שרײַבט זיך פונרעסטוועגן דאַלעד סאַמעך. פאַרוואָס?

דו שנײַדסט — ווײַל מיר שנײַדן
דו רעדסט — ווײַל מיר ריידן
דו באָדסט — ווײַל מיר
דו לײַדסט — ווײַל מיר
דו לאָדסט — ווײַל מיר
דו בינדסט — ווײַל מיר

111. שרײַב איבער און אַנדערש איבער לויטן בײַשפּיל:

מיר ווענדן — דו ווענדסט
מיר זירן — דו
מיר קליידן — דו
מיר באַשיידן — דו
מיר שמידן — דו
מיר בלענדן — דו
מיר שינדן — דו
מיר גרינדן — דו

112. שרײַב אַרײַן צו זיך אין העפט און דערקלער, פאַרוואָס איז אין די אונטערגעשטראָכענע ווערטער אָנגעשריבן אַ ד אַ ל ע ד, לויטן בײַשפּיל:

דעם שמידס טעכטער — ווײַל שמיד
דווידס פירדעלע — ווײַל דווידל
דעם העלדס גבורה — ווײַל
מײַן פרײַנדס געטרײַשאַפט — ווײַל

57.

דט.

אַרבעט. 113. שרײַב איבער צו זיך אין העפט די ווערטער:

ער שנײַדט, ער רעדט, ער באָדט.

אין די אַלע ווערטער הערט זיך דער קלאַנג ט, און שרײַבן שרײַבט זיך פונדעסטוועגן דאַלעד טעס. פאַרוואָס?

ער שנײַדט — ווײַל מיר שנײַדן

ער רעדט — ווײַל מיר ריידן

ער באָדט — ווײַל מיר

ער לײַדט — ווײַל מיר

ער לאָדט — ווײַל מיר

ער בינדט — ווײַל מיר

114. שרײַב איבער און דערענדיק לויטן בײַשפּיל׳

מיר ווענדן — ער ווענדט

מיר זידן — ער

מיר קליידן — ער

מיר באַשיידן — ער

מיר שמידן — ער

מיר בלענדן — ער

מיר שינדן — ער

מיר גרינדן — ער

58

יק.

אַרבעט. 115. שרײַב אַרײַן אין העפט די ווערטער:

ליכטיק, ציכטיק, פּרעכטיק, וויכטיק, שטויביק, זוניק, לעבעדיק, לוסטיק, זודיק, וויניק, ווײַניק.

116. שרײַב איבער אין העפט די ווערטער פון דער אַרבעט 115 און דערענדיק לויט די בײַשפּילן:

ליכטיק — אַ ליכטיקער

ציכטיק — אַ ציכטיקער

117. דערמאָן זיך און פאַרשרײַב אין העפט נאָך פינף ווערטער, וואָס ענדיקן זיך אויף -יק.

118. זוך אויס אין דײַן לייענבוך און שרײַב איבער צו זיך אין העפט נאָך צען ווערטער, וואָס ענדיקן זיך אויף -יק.

119. שרײַב אַרײַן צו זיך אין העפט די ווערטער:

נעכטיקן, מעכטיקן זיך, באַרעכטיקן, פאַראייביקן, באַוויליקן, אויסליידיקן, פאַרברודיקן.

120. זוך אויס אין דײַן לייענבוך און שרײַב איבער צו זיך אין העפט נאָך פינף ווערטער, וואָס ענדיקן זיך אויף -יקן.

121. שרײַב איבער אין העפט און פאַרגערענק:

צוואַנציק, דרײַסיק, פערציק, פופציק, זעכציק, זיבעציק, אַכציק, נײַנציק.

צענדליק, האָניק, ווייטיק, שלימעזאַלניק, קאָלבוייניק, האָרעפּאַשניק.

122. שרײַב איבער אין העפט די ווערטער און פאַרגעדענק, ווי אַזוי מען לייגט זיי אויס:

זונטאָג, מאָנטאָג, דינסטאָג, דאָנערשטאָג, פרײַטאָג, מיטאָג.

> אין די ווערטער זונטאָג, מאָנטאָג, דינסטאָג, דאָנערשטאָג, פרײַטאָג, מיטאָג הערט זיך צום סוף יק, נאָר עס שרײַבט זיך אַלעף גימל.

59

ק — ג.

לייען איבער די ווערטער און הער זיך אײַן, ווי אַזוי דו רעדסט זיי אַרויס:

וויגשטול, טאָגהֶדר, וואָגשאָל, צונגפעלער, לונגפעלער, זינגפויגל, יונגפרוי.

פאַר מיטהילכער טרעפט טיילמאָל, אַז עס הערט זיך דער קלאַנג ק, און שרײַבט מען פונדעסטוועגן אַ גימל. כדי צו וויסן, צי מען זאָל אויסלייגן דעם סָפקדיקן קלאַנג מיט אַ גימל אָדער מיט אַ קוף, דאַרף מען איבעראַנדערשן דאָס וואָרט אַזוי, אַז דער סָפקדיקער קלאַנג זאָל זיך הערן אינגאַנצן דײַטלעך. אויב דאָרט, וווּ ס'איז דײַטלעך, הערט זיך דער קלאַנג ג, איז אַ סימן, אַז וווּ ס'איז דער סָפק דאַרף מען אויך שרײַבן גימל.

אַרבעט. 123. שרײַב אַרײַן צו זיך אין העפט די ווײַטערדיקע ווערטער און דערקלער, פאַרוואָס איז אָנגעשריבן גימל, לויט די בײַשפּילן:

וויגשטול — ווײַל וויגן
טאָגהֶדר — ווײַל טעגלעך
צונגפעלער — ווײַל
לונגפעלער — ווײַל
זינגפויגל — ווײַל

יונגפרוי — ווײַל
ברעגשטאָט — ווײַל
שפרינגפעדער — ווײַל
פרעגצייכן — ווײַל
טאָגטעגלעך — ווײַל
ענגשאַפט — ווײַל

124. באַמערק, ווי אַזוי עס זײַנען אויסגעלייגט די ווײַטער-דיקע ווערטער, און שרײַב זיי אַרײַן צו זיך אין העפט:

גרינגקייט, שטרענגקייט, ענגקייט, לאַנגקייט, ווייגקינד.

אין די אַלע ווערטער איז אָנגעשריבן נימל קוף, כאָטש עס הערט זיך דער קלאַנג ק. פאַרוואָס?

גרינגקייט — ווײַל גרינגער

שטרענגקייט — ווײַל שטרענגער

ענגקייט — ווײַל ענגער

ווייגקינד — ווײַל ווייגן

125. שרײַב איבער צו זיך אין העפט די ווײַטערדיקע ווערטער און דערקלער לויט די בײַשפּילן:

ער טראָגט — ווײַל מיר טראָגן

ער זינגט — ווײַל מיר זינגען

ער קלאָגט — ווײַל

דו בייגסט — ווײַל

זי קלינגט — ווײַל

דו שווײַגסט — ווײַל

ער לייגט — ווײַל

ער לײַגט — ווײַל

126. שרײַב איבער צו זיך אין העפט און דערענדיק לויטן בײַשפּיל:

מיר פרעגן — איר פרעגט

מיר זאָגן — ער

מיר ברענגען — ער

זיי זייגן — ער

מיר וועגן — ער
זיי וויגן — ער
מיר נאָגן — זי
זיי ליגן — איר

באַמערק דעם אונטערשייד:

ווי גענעכטיקט, ווו געטאָגט — ווײַל טאָגן.
די אַרבעט איז אַרויס ווי געטאָקט — ווײַל טאָקן.

די תבואה וואַקסט אויף די פעלדער — ווײַל וואַקסן.
דו וואַגסט צו טאָן אַזאַ זאַך! — ווײַל וואַגן.

ער זינקט אײַן אין בלאָטע — ווײַל זינקען.
ער זינגט אַ ליד — ווײַל זינגען.

60 ●

ק — ג.

127. שרײַב איבער און שטרײַך אונטער דעם אות גימל:

קלאָג — קלאָגן	זעג — זעגן
טאָג — טעגלעך	לעמבערג — לעמבערגער
וועג — וועגן	געיעג — יעגער
ברעג — ברעגן	ווײַסצײַג — צײַגענער
איך מעג — מיר מעגן	איך שווײַג — מיר שווײַגן.

איך דערוועג זיך — מיר דערוועגן זיך.

> סוף וואָרט קען אויך זיין אַ סָפק, צי מען זאָל אויס=לייגן דעם קלאַנג ק מיט אַ קוף אָדער מיט אַ גימל. דאַרף מען אויך אין דעם פאַל איבעראַנדערשן דאָס וואָרט אַזוי, אַז דער סָפקדיקער קלאַנג זאָל זיך הערן דײַטלעך. אויב דאָרט, ווו ס'איז דײַטלעך, הערט זיך דער קלאַנג ג, איז אַ סימן, אַז ווו ס'איז דער סָפק דאַרף מען אויך שרײַבן גימל.

ארבעט. 128. שרײַב איבער און דערקלער, פאַרוואָס איז אין די ווײַטערדיקע ווערטער אָנגעשריבן קוף אָדער גימל:

ציג — ווײַל ציגן	שטײַג — ווײַל שטײַגל
פויק — ווײַל פײַקל	קלוג — ווײַל קלוגע
באַרג —	שטעג —
גרינג —	שטעקשיך —
פלינק —	באָק —
געזאַנג —	בריק —
	רינג —

129. שרײַב אויס פון די ווײַטערדיקע זאַצן פריער די ווערטער, ווו דער סָפקדיקער קלאַנג איז אויס=געליינגט מיט אַ קוף, און נאָכדעם די ווערטער, ווו דער סָפקדיקער קלאַנג איז אויסגעלייגט מיט אַ גימל:

דער ברעג ים איז באַדעקט מיט זאַמד. ער טשעפּעט ניט קיין פליג אויף דער וואַנט. ער איז אַ יונג מיט ביינער. וואָס אויף דער לונג, דאָס אויף דער צונג. ער האָט געבעטן אַ טרונק. ער גיט אַרום שלינג און שלאַנג. מען מעג שוין גיין אַהיים. דערלאַנג מיר דעם קרוג. זאָל זײַן גענוג.

130. דערקלער, פאַרוואָס שטייט אין די אויסגעשריבענע ווערטער פון דער אַרבעט 129 אַ קוף אָדער אַ נימל, לויט די ביישפּילן:

ברעג — ווייל ברעגן
פליג — ווייל פליגן

131. שרייב איבער אין העפט און דערענדיק לויט די ביישפּילן:

אַכטן — אַכטונג	באַפרייען — באַפרייונג
באַשרייבן — באַשרייבונג	צירן —
באַגריסן —	באַפּוצן —
קליידן —	פאַרבינדן —
רעכענען —	ווינען —
פאַרשפרייטן —	שטרעבן —

132. שרייב איבער אין העפט און דערענדיק לויט די ביישפּילן:

גאָלד — גאָלדוואַרג	קליין — קליינוואַרג
זילבער —	אַלט —
גלאָז —	יונג —

באַמערק דעם אונטערשייד:

ער גייט אין וועג — ווייל וועגן.
וועק אים אויף — ווייל וועקן.

ער גייט אויסגעפּוצט ווי אַ טאָק — ווייל טאָקן.
עס איז אַריבער דער טאָג — ווייל טעגלעך.

דער פויער פירט זעק מיט מעל — ווייל זעקלעך.
דער פויער האָט אַ זעג — ווייל זעגן.

61

פ — וו.

די ווערטער: דו פרוווסט, ער פרוווט, איר פרוווט, געפרוווט שרײַבט מען מיט צוויי וואָוון, כאָטש הערן הערט זיך דאָ דער קלאַנג פ. פאַרוואָס?

ווײַל: מיר פּרוּוון.

דאָס וואָרט בריווקאַסטן שרײַבט מען אויך מיט צוויי וואָוון, כאָטש הערן הערט זיך דער קלאַנג פ. פאַרוואָס?

ווײַל: בריוול.

62.

פ — וו.

פאַרגעדענק, אַז די ווערטער בריוו, פרוּוו, ראָוו שרײַבט מען מיט צוויי וואָוון, כאָטש הערן הערט זיך דאָ דער קלאַנג פ. פאַרוואָס?

בריוו — ווײַל בריוול

פרוּוו — ווײַל פרוּוון

ראָוו — ווײַל ראָוון.

133. פאַרשרײַב אין העפט די פראַגע און ענטפער אָפּ (ניט מיט ציפער, נאָר מיט אותיות):

וויפיל איז דרײַ מאָל פינף?

וויפיל איז צוויי מאָל צוועלף?

וויפיל איז דרײַ מאָל עלף?

פאַרגעדענק: פינף, צוועלף, עלף.

134. שרײַב איבער אין העפט:

דער אויוון איז הייס. דער רעגן פֿאַלט פֿון אויבן.

פֿאַרגעדענק: אויוון. אויבן.

135. טראַכט צו נאָך דרײַ זאַצן, וווּ מען שרײַבט אויוון, און דרײַ זאַצן, וווּ מען שרײַבט אויבן.

63

ס — ז.

לייען איבער די ווערטער און הער זיך אײַן, ווי אַזוי דו רעדסט זיי אַרויס:

נאָזטיכל. גלאָזקעסטל. ווײַזפינגער. קעזקוכן. אײַזקאַסטן.

> פֿאַר מיטהילכער טרעפֿט טיילמאָל, אַז עס הערט זיך דער קלאַנג ס, און שרײַבן שרײַבט מען פֿונדעסטוועגן דעם אות זײַען. כּדי צו וויסן, צי מען זאָל אויסלייגן דעם סָפֿקדיקן קלאַנג מיט אַ זײַען אָדער אַ סאַמעך, דאַרף מען איבעראַנדערשן דאָס וואָרט אַזוי, אַז דער סָפֿקדיקער קלאַנג זאָל זיך הערן אינגאַנצן דײַטלעך. אויב דאָרט, וווּ ס'איז דײַטלעך, הערט זיך דער קלאַנג ז, איז אַ סימן, אַז וווּ ס'איז דער סָפֿק דאַרף מען אויך שרײַבן זײַען.

ארבעט. 136. שרײַב איבער צו זיך אין העפֿט די ווײַטערדיקע ווערטער און דערקלער, פֿאַרוואָס איז אָנגעשריבן אַ זײַען, לויט די בײַשפּילן:

נאָזטיכל	— ווײַל נעזל	קעזקוכן	— ווײַל
הויזפֿרײַנד	— ווײַל הײַזער	אײַזקאַסטן	— ווײַל
גלאָזקעסטל	— ווײַל	אויסלייזגעלט	— ווײַל
שפּיזטרעגער	— ווײַל	רײַזקאַשע	— ווײַל

137. שרײַב איבער צו זיך אין העפט: איינציקוויַיז, פּאָר־וויַיז, טיילוויַיז, שורותוויַיז, משוגענערוויַיז, מחנות־וויַיז, הויפנוויַיז, עמערוויַיז, יונגלוויַיז.

> פאַרגעדענק, אַז אין פּאָרוויַיז, טיילוויַיז, עמערוויַיז שרײַבט מען צום סוף אַ זײַען.

138. טראַכט צו אַ זאַץ צו יעדן וואָרט, וואָס איז געגעבן אין דער אַרבעט 137.

139. שרײַב איבער צו זיך אין העפט די ווערטער און דערקלער לויט די בײַשפּילן:

ער ווײַזט — ווײַל מיר ווײַזן

דו לייזט — ווײַל מיר לייזן

ער גרײַזט — ווײַל

דו בלאָזט — ווײַל

ער לאָזט — ווײַל

140. שרײַב איבער צו זיך אין העפט און דערענדיק לויטן בײַשפּיל:

מיר מוזן — איר מוזט	מיר ברויזן — עס ברויזט
מיר הויזן — איר	מיר רײַזן — זי
מיר באַגלאָזן — ער	מיר קרײַזן אַרום — איר

באַמערק דעם אונטערשייד:

ער ווײַסט די וואַנט — ווײַל ווײַסן

ער ווײַזט דעם וועג — ווײַל ווײַזן

ער רײַזט איבער לענדער — ווײַל רײַזן

ער רײַסט פּאַפּיר — ווײַל רײַסן

64 ●

ס — ז.

ארבעט. 141. שרײַב איבער די ווײַטערדיקע ווערטער און באַ־מערק, ווו דו שרײַבסט אַ זײַען, כאָטש דו רעדסט אַרוים דעם קלאַנג ס:

האָז — האָזן	גרײַז — גרײַזן
הויז — הײַזער	מויז — מײַזל
ברויז — ברײַזער	נאָז — נעזל
קלויז — קלויזן	גלאָז — גלעזל
בלייז — בלייזן	לאָז — לאָזן

סוף וואָרט קען אויך זײַן אַ ספק, צי מען זאָל אויס־לייגן דעם קלאַנג ס מיט אַ סאַמעך אָדער אַ זײַען. דאַרף מען אויך אין דעם פאַל איבעראַנדערשן דאָס וואָרט אַזוי, אַז דער ספקדיקער קלאַנג זאָל זיך הערן דײַטלעך. אויב דאָרט, ווו ס'איז דײַטלעך, הערט זיך דער קלאַנג ז, איז אַ סימן, אַז ווו ס'איז דער ספק דאַרף מען אויך שרײַבן זײַען.

ארבעט. 142. שרײַב איבער און דערקלער, פאַרוואָס איז אין די ווײַ־טערדיקע ווערטער אָנגעשריבן סאַמעך אָדער זײַען:

גלאָז — ווײַל גלעזער	רים —
היים — ווײַל הייסער	קעז —
האָז —	גערום —
גראָז —	שאָם —
נאָז —	מויז —
ריז —	נום —

143. טראַכט צו אַ זאַץ צו יעדן וואָרט, וואָס איז פֿאַראַן אין דער אַרבעט 142.

65

לייען איבער די ווײַטערדיקע זאַצן און קוק זיך איין, ווי אַזוי זיי זײַנען אָנגעשריבן:

קינדערלעך, זײַט פֿריילעך! די מאַמע האָט דרײַ ייִנגעלעך, דרײַ ייִנגעלעך געהאַט מיט ווייכע רויטע בעקעלעך ווי צאַרטער סאַמעט גלאַט. און די גוים און די ייִדן לעבן גליקלעך און צופֿרידן. בענדעלעס פערדל איז בלינדלעך אויף איין אויג.

קוק זיך אײַן, ווי אַזוי עס זײַנען אָנגעשריבן די ווערטער:

קינדערלעך	פֿריילעך
ייִנגעלעך	גליקלעך
בעקעלעך	בלינדלעך

די ענדונג ל ע ך ווערט אַלעמאָל אויסגעלייגט לאַמעד אײַען לאַנגע־כאָף.

אַרבעס. 144. שרײַב איבער צו זיך אין העפט די ווײַטערדיקע זאַצן:

אונטער די גרינינקע ביימעלעך שפּילן זיך משהלעך, שלמהלעך. ס'איז געוואַקסן אַ קליינע מאַרגאַריטקע מיט זילבערנע בלעטלעך. איך וועל אײַך דערציילן אַ מעשׂה

מיט פינף אַרבעסלעך. די מאַמע האָט אַהיימגעבראַכט צוויי ניסעלעך און מיך; צוויי ניסלעך פאַר די ברידער־לעך און מיר צוויי נײַע שיך.

145. שרײַב איבער צו זיך אין העפט און דערענדיק לויט די בײַשפּילן:

שטיבל — שטיבלעך	שיסעלע — שיסעלעך
שיכל —	הײַזעלע —
ווענטל —	לידעלע —
ביכל —	מיידעלע —
הענטל —	ווינטעלע —

146. טראַכט צו אַ זאַץ צו יעדן וואָרט פון דער אַרבעט 145.

147. שרײַב איבער צו זיך אין העפט און דערענדיק לויט די בײַשפּילן:

שוואַרץ — שוואַרצלעך	פונקט — פינקטלעך
זיס —	גליק —
ביטער —	ענג —
זויער —	הייס —
האַרט —	

148. טראַכט צו אַ זאַץ צו יעדן וואָרט פון דער אַרבעט 147.

66

ז י ך.

בערל: שלאָג זיך ניט!

חיים: וואָס אַרט עס דיך, אַז איך שלאָג זיך?

בערל: מאַמע! חיים שלאָגט זיך!

געפין דאָס באַטאָנטע וואָרט אין דער ערשטינער שורה. צי איז אין דער שורה אויך דאָס וואָרט ז י ך באַטאָנט?

צי איז אין דער צווייטער שורה באַטאָנט דאָס וואָרט ז י ך? באַמערק, ווי אַזוי ווערט דאָס וואָרט ז י ך אַרויסגערעדט ווען עס איז יאָ באַטאָנט און ווי אַזוי ווען עס איז ניט באַטאָנט. גיב אַכט אויף דעם אונטערשייד.

הער זיך איַין, וואָס עס איז געוואָרן מיט דעם וואָרט ז י ך אין דער דריטער שורה, ווען פאַר אים קומט דער קלאַנג ט.

דאָס וואָרט זיך דאַרף אַרויסגערעדט ווערן פאַרשיידן לויט דעם ווי דאָס וואָרט שטייט אין זאַץ: צי איז עס באַטאָנט אָדער ניט, צי שטייט פאַר אים דער קלאַנג ט אָדער ניט.

אויסלייגן אָבער דאַרף מען דאָס וואָרט שטענדיק אויף איין אופן: זיַיען יוד לאַנגע-כאָף

אַרבעט. 149. לייען איבער די וויַיטערדיקע זאַצן און שריַיב איבער צו זיך אין העפט:

פריער די זאַצן, ווו ז י ך איז באַטאָנט;

דערנאָך די זאַצן, ווו ז י ך איז ניט באַטאָנט און גיסט זיך צונויף מיט אַ פריערדיקן ט

צום סוף יענע זאַצן, ווו זיך איז ניט באַטאָנט און גיסט זיך ניט צונויף מיט אַ פריערדיקן ט.

אַ מענטש, וואָס טראַכט נאָר וועגן זיך, רופט מען עגאָיִסט. האָט עס זיך אַ ביסל געטאָן אין שטעטל! גייסט זיך זומער באָדן, טרינקסטו זיך אין טײַך; גייסט זיך ווינ=טער גליטשן, טוסטו פאַלן גלײַך. ווי אַזוי עס מאַכט זיך, איז רעכט. מיר דוכט זיך, אַז דער טאַטע איז שוין געקומען אַהיים. וועסט גיין שפּאַצירן? עס ווענדט זיך, ווי אַזוי ס'וועט זײַן דער וועטער. וואָס האָסטו זיך אַזוי אויסגעפּוצט? וואַש זיך, ערד, און וואַש זיך, הימל; וואַשט זיך, פעלדער, און זײַט ריין!

150. קלער צו פינף זאַצן, ווו זיך איז ניט באַטאָנט און גיסט זיך צונויף מיט אַ פריערדיקן ט.

67

אויף.

אַ פײַערל ברענט אויף דעם פּריפּעטשיק.
די זון גייט אויף אין מיזרח=זײַט.

באַמערק, ווי אַזוי ווערט אַרויסגערעדט דאָס וואָרט אויף אין דעם ערשטן זאַץ און ווי אַזוי אין דעם צווייטן. גיב אַכט אויף דעם אונטערשייד

צי איז פאַראַן אַן אונטערשייד אין אויסלייגן?

דאָס וואָרט אויף דאַרף אַרויסגערעדט ווערן פאַר=שיידן לויט דעם ווי עס שטייט אין זאַץ. אויסלייגן אָבער דאַרף מען דאָס וואָרט שטענדיק אויף איין אופן: אַלעף וואָוו יוד לאַנגע=פּיי.

ארבעט. 151. שרײַב איבער צו זיך אין העפט די ווײַטערדיקע זאַצן:

אויף דעם הויכן באַרג, אויף דעם גרינעם גראָז שטייען אַ פּאָר דײַטשן מיט די לאַנגע בײַטשן. איך האָב פּאַרשפּעטיקט אויף דער לעקציע. הייב אויף דאָס ביכל. איך שטיי אויף זיבן אַ זייגער. אויף פּסח נייט מען מיר אויף אַ נײַעם בֶּגד. עטל זיצט אויפן שטול. ער גייט אויף און אָפּ. ער איז שוין אויף פון זעקס אינדערפרי.

152. שרײַב איבער די ווערטער:

אויפשטיין	אויפרײַסן
אויפגיין	אויפברעכן
אויפהייבן	אויפ כאַפּן זיך
אויפנייען	אויפנעמען

153. טראַכט צו אַ זאַץ צו יעדן וואָרט פון דער אַרבעט 152.

154. שרײַב איבער צו זיך אין העפט:

אויף דעם טיש	אויף דער באַנק
אויף דער ערד	אויף דער גאַס
אויפן הימל	אויפן קאָפּ
אויף דער לבָנה	אויף דער פּור

155. טראַכט צו אַ זאַץ צו יעדער שורה פון דער אַרבעט 154.

68

אַ ר ו י ף.

מאָטל קריכט אַרויף אויפן באַרג.

באַמערק, ווי אַזוי עס איז אויסגעלייגט דאָס וואָרט אַ ר ו י ף.

דאָס וואָרט אַ ר ו י ף דאַרף מען שטענדיק אויסלייגן:
אַלעף רייש וואָוו יוד לאַנגע־פּיי.

ארבעט. 156. שרײַב איבער צו זיך אין העפט די ווײַטערדיקע זאַצן:

יאַנקל גייט אַרויף אויפן בוידעם. מאָטל שטעלט אַרויף דאָס בוך אויף דער פּאָליצע. דער וואָגן פאָרט אַרויף און אַראָפּ. דער פויער וואַרפט אַרויף דאָס האָלץ אויף דער פור.

157. שרײַב איבער די ווערטער:

אַרויפליגן	אַרויפשטעלן
אַרויפציִען	אַרויפשאַרן
אַרויפקריכן	אַרויפרופן
אַרויפטראָגן	אַרויפשיטן

158. טראַכט צו אַ זאַץ צו יעדן וואָרט פון דער אַרבעט 157.

69

פ ו נ אַ נ ד ע ר.

דער גאַנצער קלאַס האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט.

באַמערק, ווי אַזוי עס איז אָנגעשריבן פ ו נ אַ נ ד ע ר.

אין וואָרט פונאַנדער שרײַבט מען אַלעמאָל אַ וואָוו נאָכן פּיי.

ארבעט. 159. שרײַב איבער צו זיך אין העפט די ווײַטערדיקע זאַצן:

פונאַנדערנעמען אַ וויגער איז ניט פון די גרינגע זאַכן. דער בריוונטרעגער טראָגט פונאַנדער די בריוו. איך האָב זיך פונאַנדערגעפרעגט בײַ די פויערים, אין וואָסער ריכ־טונג איך זאָל גיין צו דער שטאָט צו.

160. שרײַב איבער די ווערטער:

פונאַנדערטרײַבן	פונאַנדערוואַרפן
פונאַנדערשיטן	פונאַנדערטײלן
פונאַנדערוויקלען	פונאַנדערווײנען זיך

161. טראַכט צו אַ זאַץ צו יעדן וואָרט פון דער אַרבעט 160.

70

צונויף, צוזאַמען.

דער לערער האָט צונויפגענומען די העפטן.
דער לערער האָט צוזאַמענגענומען די העפטן.

באַמערק, ווי אַזוי עס איז אָנגעשריבן צונויף, צוזאַמען.

אין די ווערטער צונויף, צוזאַמען שרײַבט מען אַלעמאָל אַ וואָוו נאָכן צאַדיק.

162. שרײַב איבער אין העפט די ווײַטערדיקע זאַצן: אַרבעט.

פונאַנדערנעמען אַ זייגער איז שווער, אָבער צונויפ־שטעלן איז נאָך שווערער. הײַנט האָט מען צונויפגערופן אַלע שילער פון ערשטן, צווייטן און דריטן קלאַס; מען דאַרף זיך צוזאַמענריידן וועגן דער אַרבעט אין קלוב. בערל לייגט צונויף די ביכער און גייט אַוועק אַהיים.

163. שרײַב איבער די ווערטער:

צוזאַמענמישן	צונויפנייען
צוזאַמענשטעלן	צונויפטראָגן
צוזאַמענקומען	צונויפדרייען

164. טראַכט צו אַ זאַץ צו יעדן וואָרט פון דער אַרבעט 163.

71

צו, צע.

לייען איבער די ווײַטערדיקע זאַצן:

די געסט וועלן באַלד צופאָרן צו אונדזער שטוב.
אַט זײַנען זיי שוין צוגעפאָרן.
מאָרגן וועלן זיך די געסט ווידער צעפאָרן.

נעם די ווערטער:

צופאָרן
צוגעפאָרן
צעפאָרן

באַמערק, ווו עס שטייט דער אַקצענט אין יעדן פון די דרײַ ווערטער. באַמערק, ווי אַזוי די ווערטער זײַנען אויסגעלייגט.

ווען מען וויל וויסן, צי מען דאַרף אויסלייגן צ ו אָדער צ ע, איז פאַראַן אַזאַ סימן: אויב אויף דעם טראַף שטייט דער אַקצענט, לייגט מען אויס מיט אַ וואָוו; אויב אויף דעם טראַף שטייט נ י ט דער אַקצענט, לייגט מען אויס מיט אַן אײַען.

ארבעט. 165. שרײַב איבער צו זיך אין העפט:

זעט, ווי צעפּאַליעט איר זײַט און צעפּלאַמט. פאַר־וואָס ביסטו אַזוי צעטראָגן? דאָס מיידעלע האָט ניט גע־ווּסט דעם וועג, האָט זי געבעטן אַ פאַרבײַגייער, ער זאָל זי צופירן אַהיים. הערשעלעס האָר זײַנען אַלעמאָל צעשויבערט. דו דאַרפסט צוטראַכטן דרײַ ווערטער, וואָס הייבן זיך אָן מיטן קלאַנג ש. דער מאַגנעט האָט צוגעצויגן דאָס שטיקל אײַזן. דער שניי איז צעגאַנגען. דער שילער איז צוגעגאַנגען צום טאָוול.

166. שרײַב איבער צו זיך אין העפט די ווערטער:

צוגַנבענען	צעברעכן
צובינדן	צעדראַפּען
צופּאַסן	צעבליען זיך
צוטוליען זיך	צעקריגן זיך

167. טראַכט צו אַ זאַץ צו יעדן וואָרט פון דער אַר־בעט 166.

פאַרגעדענק, אַז דאָס וואָרט צ ו פ ר י ד ן לייגט מען אויס מיט אַ וואָוו.

168. שרייב איבער צו זיך אין העפט די ווײַטערדיקע זאַצן:

און די גוים און די ייִדן לעבן גליקלעך און צופרידן. דער לערער איז צופרידן פון מײַן לערנען. ער איז אַ צו־פרידענער אַוועק אַהיים.

169. טראַכט צו פינף זאַצן, ווו עס באַגעגנט זיך דאָס וואָרט צופרידן.

72

ב יי.

לייען איבער די ווײַטערדיקע זאַצן:

איך האָב אָנגעגרייט פאַר דיר אַ מתּנה, נאָר איך האָב זי ניט בײַ מיר. בײַ אונדז אין שטוב זײַנען פאַראַן שלום־עליכמס ווערק.

> ווען ביי איז אַ באַזונדער וואָרט, לייגט מען עס אַלעמאָל אויס: בייז צוויי־יודן, אַלץ איינס צי ס'שטייט אויף דעם וואָרט דער אַקצענט אָדער ניט.

ארבעט. 170. שרייב איבער צו זיך אין העפט די ווײַטערדיקע זאַצן:

בײַ וואָסער זײַטל האַלט איר הײַנט? ער האָט מיר געוויזן אַזוינס, וואָס איך האָב בײַ מיר אינדערהיים קיינ־מאָל ניט געזען. מיר האָדעווען אַ פייגעלע בײַ אונדז אין קלאַס. מײַן ברודער איז זיך אַזוי פיל אָנגעגאַנגען, אַז די שיך האָבן זיך בײַ אים צעריסן.

171. טראַכט צו און שרייב אַרײַן אין העפט פינף זאַצן, ווו ס'באַגעגנט זיך דאָס וואָרט בײַ.

73

ביַי — באַ.

לייען איבער די ווערטערדיקע זאַצן:

איך האָב באַקומען אַ פיַינע מתּנה.
איך קען דיר ניט ביַיקומען.

באַמערק דעם אונטערשייד אין דער אויספּראַך און אין אויסלייג פון די צוויי ווערטער:

באַקומען
ביַיקומען

ווו שטייט דער אַקצענט אין דעם ערשטן וואָרט? ווי אַזוי איז דאָס וואָרט אָנגעשריבן?

ווו שטייט דער אַקצענט אין דעם צווייטן וואָרט? ווי אַזוי איז עס אָנגעשריבן?

אויב דער טראָף ביַי, באַ איז אַ טייל פון אַן אַנדער וואָרט, איז דער כּלל פון אויסלייגן אַזאַ: אויב אויף דעם דאָזיקן טראָף שטייט דער אַקצענט, שריַיבט מען ביַיז צוויי־יודן; אויב אויף דעם דאָזיקן טראָף שטייט ניט דער אַקצענט, שריַיבט מען ביַיז אַלעף.

ערבעט. 172. שריַיב איבער צו זיך אין העפט די ווערטערדיקע זאַצן:

היַינט האָט מיַין מאַמע באַזוכט אונדזער שול; זי איז ביַיגעווען אויף דער לעקציע ביַי אונדז אין קלאַס. לאה האָט באַשריבן דעם נעכטיקן שפּאַציר. מען האָט די גאַנצע גאַס באַפלאַנצט מיט ביימער. וואָס ביסטו אַזוי באַטריבט? מען דאַרף ריידן נאָר וועגן דעם עיקר,

די בײַוואַכן מעגסטו אויסנלאָזן. די געסט האָבן באַשײַנט די שימחה. שרײַב אַוועק אַ בריוו און לײג בײַ אַ פּאָסט־מאַרקע אויף אַן ענטפער.

173. שרײַב אַרויס אין אײן סלופּיקל די ווערטער, וואָס הײבן זיך אָן מיט ב אַ, אין אַ צווײטן סלופּיקל די ווערטער, וואָס הײבן זיך אָן מיט ב ײַ.

174. קלער צו צו איטלעך וואָרט פון די בײדע סלופּיקלעך אַ נײַעם זאָץ און שרײַב אַרײַן די זאַצן צו זיך אין העפט.

אַ פּאָר באַמערקונגען פאַר דעם לערער.

1. אונדזער גראַמאַטיק איז אויפגעבויט אויף דער אַליינ־שטענדיקייט פון דעם תּלמיד, זי דאַרף אים צוגעוויינען אַליין צו אָבסערווירן די דערשיינונגען פון דער לעבעדיקער שפּראַך. דאָס הייסט אָבער ניט, אַז דער לערער ווערט דורכדעם פאַרוואַנדלט אין אַ פּאַסיוון „פאַרגעבער". פאַרקערט, דער לערער מוז גענוי דורכאַרבעטן אין קלאַס דעם טייל מאַטעריאַל ביז די אויפגאַ־בעס; לויט דער מדרגה פון קלאַס, איבערהויפּט צום אָנהייב, איז אַפילו אַ סברא, אַז דער לערער זאָל אַ טייל פון די אויפגאַ־בעס אויך דורכמאַכן פריער מינדלעך אין קלאַס איידער ער פאַר־גיט די שריפטלעכע אַרבעט.

2. די כּללים זיינען אויסגעטיילט באַזונדער. קיינער וועט ניט זוכן אין זיי קיין שטרענגע וויסנשאַפטלעכקייט, נאָר ווי ווייט מעגלעך האָבן מיר געזוכט אויסצוגלאָזן אַלצדינג, וואָס איז סותר די וויסנשאַפטלעכע באַגריפן. די כּללים זיינען באַשטימט פאַר די מער געראָטענע און פעיִקע תּלמידים; אָבער בשום־אופן טאָר מען זיי ניט געבן איינצוחזרן אויף אויסווייניק. אויך דעם לערער וועלן די כּללים צוניצקומען, ווייל זיי וועלן אים פאַרשפּאָרן די אַרבעט פון אַבסטראַהירן און פאָרמולירן.

3. דאָס בוך איז איינגעטיילט אין דריי קאַפּיטלען: זאַץ, וואָרט, קלאַנג און אות; דער צווייטער טייל וועט ברענגען די יסודות פון מאָרפאָלאָגיע. אין יעדן קאַפּיטל וויקלט זיך דער מאַ־טעריאַל פונאַנדער בהדרגה; נאָר אויב דער לערער וועט געפינען פאַר נייטיק, קען ער אין טייל ערטער בייטן דעם סדר.

4. פון צייט צו צייט דאַרפן דורכגעפירט ווערן איבער־חזרונגען. מיר האָבן אויף דעם קיין ספּעציעלע פּאַראַגראַפן ניט אַריינגעשטעלט, כּדי ניט צו פאַרגרעסערן — און ממילא צו פאַר־טייערן — דאָס בוך. דער לערער וועט זיך דאָ אַליין אַן עצה געבן.

5. מיר האָבן אַרײַנגענומען אין טעקסט מאַטעריאַל, גאַנץ אָדער טיילווײַז, פון פאַרשיידענע ווערק. די מחברים פון די דאָזיקע ווערק וועלן אונדז געוויס מוחל זײַן, וואָס מיר האָבן זיי ניט פורש-בשמם געווען; דאָס וואָלט געווען צו קאָמפּליצירט.

6. אין דעם אויסלייג באַזירן מיר זיך אויף די אָרטאָ-גראַפישע באַשלוסן פון צווייטן שולצוזאַמענפאָר; בלויז אין טייל ניטרעגלאַמענטירטע פראַגעס האָבן מיר געשטעלט אויף זיך. אין די העברעיִזמען האָבן מיר אײַנגעפירט די פאַרלײַכטערונגען, וואָס דער שולצוזאַמענפאָר האָט געהאַט באַשלאָסן: אַז דער i-קלאַנג ווערט אַלעמאָל באַצייכנט דורך אַ יוד, דער v-קלאַנג אַלעמאָל דורך צוויי וואָוון. אויף אַזאַ אופן זײַנען צושטאַנדגעקומען שרײַבונגען ווי שיפרה, דוויד. אינגאַנצן האָבן מיר פאַרייִדשט די שרײַבונג פון די אות-נעמען (§ 29 און ווײַטערדיקע), וואָרים אויך אין העבר"ע"ש גופא איז דער אויסלייג פון די דאָזיקע ווערטער ניט אַבסאָלוט פעסט. פאָנעטיש האָבן מיר אויך אויסגעלייגט אַזעלכע ווערטער ווי שלימעזאַלניק, קאָלבוינִיק, וואָס האָבן זיך אין יידיש אינגאַנצן געביטן לויט זייער אויסשפּראַך און פשט.

7. אין דער פראַגע וועגן די דובלעטן ווי קענען / קאָנען, ריידן / רעדן אַאַז"וו האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אויף די פאָרמען פון ביידע מחברימס ריידשפּראַך. אָבער דער לערער דאַרף גע-דענקען, אַז דאָס ניצן די אַנדערע פאָרם טאָר בשום-אופן ניט פאַררעכנט ווערן פאַר אַ גרײַז און אַז דער תלמיד מעג גאַנץ גלײַך שרײַבן לויט זיין אויסשפּראַך און געשמאַק:

קענען / קאָנען, ריידן / רעדן (אָבער בלויז: דו רעדסט, ער רעדט, איר רעדט, גערעדט און בלויז: די רייד), געבאָרן / געבוירן, געשוואָרן / געשווירן, פאַרלאָרן / פאַרלוירן, טאָן / טון (און אויך געטאָן / געטון), זײַנען / זענען, זײַט / זענט.

גלייכבאַרעכטיקט זײַנען אויך (הגם דאָס איז שוין ניט שייך צו אויסלייג): ניט / נישט.

8. בנוגע נקודות רעקאָמענדירן מיר דעם לערער שטרענג זיך צו האַלטן בײַ דער שיטה, וואָס איז אָנגענומען אין דעם בוך:

אַ און אָ ווערן אַלעמאָל באַצייכנט (דעם אַלעף אָן אַ נקודה דאַרפן מיר האָבן פאַרן שטומען אַלעף); אַמבעסטן איז צו שרײַבן דעם אות מיט דער נקודה צוזאַמען (זע די פּאַראַגראַפן מיט שרײַבשריפט);

ײַ ווערט באַצייכנט מיט אַ פּתח (שרײַבן, זײַן); יי גייט אָן אַ נקודה (גיין, לייגן);

י ווערט געפּינטלט בלויז נאָך אַ וואָקאַל (רויִק, העברעיִש) און נאָך אַ קאָנסאָנאַנטישן יוד (ייִנגל);

ו ווערט געפּינטלט בלויז בײַ אַ באַגעגעניש מיט אַן אַנדער ו (טוּונג; געוּוג צו פּינטלען דאָס ערשטע מאָל) אָדער צוויי וואָוון (ווּ, פּרוּוו).

קיין חולם ווערט ניט געשטעלט.

אין העברעיִזמען ווערט געשטעלט די נקודה בלויז אונטערן אַקצענטירטן טראַף; נאָכן דורכגיין דעם § 25 איז שוין פאַר די קינדער דער באַגריף אַקצענט קלאָר. אויב דער לערער געפינט אײַן, אַז ער דאַרף די קינדער לערנען שטעלן נקודות אונטער אַלע קאָנסאָנאַנטן, איז יעדנפאַלס די נקודות, וואָס שטימען מיט דער ייִדישער אויסשפּראַך: חַנֶה, בְרָכָה, מַשמָעוּת אאַז״וו; קיין שוואָ דאַרף מען אינגאַנצן ניט שטעלן.

9. אין צוזאַמענהאַנג מיט דורכגיין די אָפּשטעלצייכנס (§§ 1—17) דאַרפן דורכגעפירט ווערן וואָס מער געניטונגען פון אינטאָנאַציע. דאָ איז דער פּלאַץ צו פאַרטיפן זיך אַ ביסל אין דעם ענין פון דעם אַ״ג „אויסדריקלעכן לייענען".

10. דאָס גרעסטע קאַפּיטל (III) איז פאַרנומען מיט ענינים פון פאָנעטיק און אויסלייג. אויב אין קלאַס זיצן צו יונגע קינדער, וועט דער לערער זיך שוין אַן עצה געבן, וועלכן טייל מאַטעריאַל ער קען איבערהיפּערן; נאָר אין אַלגעמיין האַלטן מיר, אַז פאָנעטיק איז אַן אומבאַדינגט בייטיקער טייל פון דער שפּראַכיקער אויס־בילדונג. בײַ לײַטן ווערט אַפילו אויף דער מדרגה אָפּגעגעבן נאָך מער צײַט און פּלאַץ אויף פאָנעטיק; מיר האָבן דאָס דאָ ניט גע־טאָן, כּדי ניט מיטאַמאָל אַריבערצוביִיגן אין דער ייִדישער שול דעם

שטעקן אויף דער צווייטער זייט. עטלעכע פּרינציפּיעלע פּונקטן דאַרפן דאָ באַלויכטן ווערן.

11. די באַגריפן קלאַנג און אות מוזן שוין זײַן באַקאַנט די קינדער פון דעם אַלעף־בייז־לימוד; איצט דאַרף דער גרענעץ נאָך מער פּאַרטיפט ווערן. פאַר די אותיות האָבן מיר אײַנגעהיט, טאַקע לשם דער דאָזיקער אָפּגרענעצונג, זייערע טראַדיציאָנעלע ייִדישע נעמען. ווען מען זאָגט: שרײַב אָן אַ b, קען זיך שאַפן אַן אילוזיע, אַז קלאַנג און אות זײַנען אידענטיש; ווען מען רעדט וועגן אַלעף, בייז, גימל, זײַנען אַראָפּ אַלע ספקות.

12. די דיפטאָנגען זײַנען פון אײנפאַכקייט וועגן ניט אויס־געטײַטשט ווי אַ סומע פון קלאַנגען.

13. רעכענענדיק זיך מיט די דיאַלעקטישע אונטערשיידן ביי די תלמידים, האָבן מיר — צום ערשטן מאָל אין אַ ייִדישן לערנ־בוך — אַרײַנגעפירט באַזונדערע פּאַראַגראַפן פאַר דעם u-דיאַלעקט (§§ 34, 35, 44, 52, 54, 60, 62, 64) און פאַר דעם o-דיאַלעקט (§§ 36, 43); די ערשטע זײַנען באַצייכנט מיט אַ שוואַרץ קײַקעלע, די צווייטע מיט אַ שטערנדל. דאָרט, ווו די קינדער דאַרפן ניט די „געקײַקלטע" אָדער „געשטערנטע" פּאַראַגראַפן, וועט דער לערער זיי פשוט איבערהיפּערן.

14. צו § 34 איז צו באַמערקן, אַז מיר האָבן דעם פּויליש־ייִדישן i-קלאַנג (i, y, ī אאַז"וו) ניט דיפערענצירט, ווײַל דאָס וואָלט פאַרפירט צו ווײַט.

15. אין טייל פּאַראַגראַפן (למשל 33) איז געווען אַ ניי־טיקייט פון אַ פאָנעטישן שריפט. דאַרף דער לערער האָבן אין זינען, אַז אין דעם פאַל באַטייט אָ—o און ו—u. דאָס איז גרינ־גער איידער פאַרקערט אָ—u, ווײַל אויף דער u-דיאַלעקט האָט געציילטע ווערטער, ווו u ווערט אויסגעגלייכט מיט וואָוו (קונסט, קולטור, ליטעראַטור), אינדערצײַט וואָס דער o-דיאַלעקט האָט קיין איין פאַל ניט, ווו אָ זאָל באַטייטן u.

אין עטלעכע פאַלן איז אין האַלבע לבנות אַרײַנגעפירט דער לאַטײַנישער אות אויף צו באַצייכענען דעם קלאַנג.

16. בשום־אופן טאָר מען אונדזער כוונה ניט פאַרשטיין אַזוי, אַז מיר ווילן אַרויפצווינגען אויף דעם u-דיאַלעקט די אַ״ג „ליטווישע״ אויסשפּראַך. כל־זמן עס איז ניטאָ קיין אַלגעמיין־גילטיקע אויסשפּראַך (און לעת־עתּה זעען מיר נאָך ערשט די ערשטע טריט צו איר), דאַרפן די קינדער בלײַבן בײַ זייער דיאַלעקט. אויסמײַדן דאַרף מען נאָר צו בולטע פּראָווינציאַליזמען. אַשטייגער אין דעם גבול פון דעם o-דיאַלעקט וועט דעם לערער אויסקומען צו נאָרמאַליזירן די אויסשפּראַך פון וי (§ 36) אָדער צו רעגולירן דעם באַנוץ פון ס—ש; אין קאָנגרעספּוילן וועט מען אפשר מוזן דערנענטערן די אויסשפּראַך פון אַזעלכע ענדונגען ווי -ער צו דער שרײַבונג (אַלזאָ: יעיגער און ניט יעיגאָ אדג״ל).

17. שטאַרק געוואָרנט מוז דער לערער זײַן פאַר דער אַ״ג „אָרטאָגראַפישער אויסשפּראַך״ פון אויף, זיך אאַז״וו. אין §§ 67 און 68 איז בפירוש אונטערגעשטראָכן, אַז בלויז די שרײַבונג איז בײַ אויף, אַרויף מיט וואָוו יוד; ריידן דאַרף מען af (of אין אַנדערע מקומות) בײַ דער פּראָפּאָזיציע, uf (ōf) בײַם ווערבאַלן צוגאָב. דאָס אייגענע בײַם וואָרט בײַ: aj ווערט גערעדט בלויז אונטערן אַקצענט (איך האָב דאָס בײַ מיר), און ווײַטער איז § 72 אויסן בלויז די שרײַבונג. אויך בײַ „זיך״ דאָס אייגענע. די פראַגע וועגן דעם, ווי אַזוי אַרויסצוריידן, איז אין כלל פון § 66 בכיוון אויסגעמיטן.

18. די קינדער, וואָס וועלן דאָס ניט וויסן, וועט דער לערער מוזן דערקלערן, אַז דאָס וואָרט ראָוו אין § 62 מיינט: גראָבן.

אינהאַלט:

		זײַטל
I.	זאַך	3 — 19
1.	אַ גערעדנק	3
2 — 3.	פינטל	4
4 — 7.	פינטל־אינטאָנאַציע	6
8 — 12.	טראָפּ (זאַך־אַקצענט)	10
13 — 17.	פרעגצייכן און אויסרופּצייכן	14
II.	וואָרט	20 — 29
18.	ווערטער אין זאַך	20
19.	צונויפגעשטעלטע ווערטער	21
20 — 21.	געקירצטע ווערטער	22
22 — 24.	טראָף	24
25.	וואָרט־אַקצענט	27
26 — 27.	איבערטראָגונג פון איין שורה אין דער צווייטער	28
III.	קלאַנג און אות	30 — 86
28.	קלאַנגען און וואָרט	30
29 — 30.	דער יידישער אַלעף־בייז	31
31 — 32.	ווי אַזוי דער קלאַנג ווערט באַצייכנט אין שרײַבן	32
33.	אַליינהילכערס	34
● 34.	ו — י	35
● 35.	ע — י	37
* 36.	יי — וי	37
37 — 39.	מיטהילכערס	39
40 — 42.	פאַרשיידענע מינים אַלעף	42
* 43.	ענג, ענק	45
● 44.	ע	46
45.	ענג, ענק	47

זייטל

46.	צנג, צנק	48
47 — 48.	ווייכע מיטהילכערס	50
49.	פן	52
50 — 51.	פּ — בּ	54
52.	פ — ב	58
53.	ט — ד	59
54.	ט — ד	61
55.	טס	63
56.	דס	64
57.	דט	65
58.	יק	66
59.	ק — ג	68
60.	ק — ג	70
61.	פ — וו	73
62.	פ — וו	73
63.	ס — ז	74
64.	ס — ז	76
65.	לעך	77
66.	זיך	79
67.	אויף	80
68.	ארויף	82
69.	פונאנדער	82
70.	צונויף, צוזאמען	83
71.	צו, צע	84
72.	ביי	86
	א פאר באמערקונגען פאר דעם לערער	89
	אינהאלט	94

הויפּט־פֿאַרקויף:

„בּ י כ ע ר" וואַרשע, נאַלעווקי 2a

„BYCHER“ Warszawa, Nalewki 2-a